STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04919

KENT IR DI MORGN-FRAYHEYT?

Moissaye J. Olgin

Permanent preservation of this book was made possible
by Marilyn Rae Sporty
in memory of
Sidney & Charlotte Sporty and Eleanor Grayson

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קענט איר די

„מאָרגן-פרייהייט״?

IN MEMORY OF
MORRIS LOMANITZ

•

דאָס איז די אידישע אַרבעטער-צייטונג
פון אַמעריקע

•

זי איז איצט אַלט געוואָרן 10 יאָר

•

יעדער אידישער אַרבעטער דאַרף זי לייענען
יעדן טאָג. — פאַרוואָס?

•

פון מ. אָלגין
(רעדאַקטאָר פון דער „מאָרגן-פרייהייט״)

490

אַרויסגעגעבן פון דער
אידישער ביורא באם צ. ק. פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי

דעם 2-טן אַפּריל פונם יאָר 1922 איז אַרויס דער ערשטער נומער „פרייהייט". ביז יוני 1929 איז די „פרייהייט" אַרויסגעגאַנגען ווי אַ נאָכמיטאָג-צייטונג. נאָכדעם איז זי געוואָרן אַ מאָרגן-צייטונג אונטערן נאָמען „די מאָרגן-פרייהייט".

די צייטונג איז, הייסט עס, אַלט געוואָרן 10 יאָר. זי האָט ניט פאַרפעלט קיין איינציגן טאָג. אָבער ווען זי האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין האָט קיינער ניט געגלויבט, אַז זי וועט לעבן אַזאַ צייט. שונאים האָבן איר אָפּגעזאָגט די יאָרן נאָך איידער זי איז געבוירן געוואָרן. גוטע פריינט האָבן געטראַכט אַז אפשר וועט זי לעבן אַ פּאָר חדשים. פאַר די 10 יאָר איז די „פרייהייט" ניט רייך געוואָרן. זי לעבט שטענדיג מיט דעפיציטן. זי מאַכט אַלעמאָל אַ קאַמפּיין פאַר געלט. אַמאָל דאַכט זיך, אַז אָט-אָט — און זי וועט מוזן אונטערגיין צוליב דעם, וואָס זי האָט ניט קיין מיטלען. אָבער אַלעמאָל קומען איר די אידישע אַרבעטער צו הילף. אַלע מאָל פירט מען זי אַרויס פון דעם קלעם. און די „מאָרגן-פרייהייט" לעבט. און די „מאָרגן-פרייהייט" ווירקט, און די „מאָרגן-פרייהייט" האָט שוין אָפּגעלעבט 10 יאָר, און די צאָל פון אירע לייענער פאַרגרעסערט זיך.

וואָס-זשע איז דאָס פאַר אַ צייטונג, וואָס די אידישע אַרבעטער זיינען זיך פאַר איר אַזוי מקריב? וואָס איז איר אַרבעט? מיט וואָס איז זי אַנדערש פון אַנדערע צייטונגען? פאַרוואָס דאַרף יעדער אידישער אַרבעטער לייענען אָט-די צייטונג? אָט וועגן דעם וויל דערציילן דאָס ביכל.

די „מאָרגן-פרייהייט" איז פאַר די אַרבעטער, קעגן די באָסעס.

די „מאָרגן-פרייהייט" פאַרשטייט, אַז די געזעלשאַפט איז איינגעטיילט אין קלאַסן. זי ווייסט, אַז די צוויי גרויסע קלאַסן פון אונזער צייט זיינען דער קלאַס קאַפּיטאַליסטן און דער קלאַס פון אַרבעטער. זי זעט, אַז די קאַפּיטאַליסטן לעבן פון דעם, וואָס זיי עקספּלואַטירן די אַרבעטער-מאַסן. די קאַפּיטאַליסטן זאַמלען אָן בערג מיט געלד פון דעם אַרבעטער'ס שוויים, בשעת די אַרבעטער לעבן

אין דחקות און נויט און אָפּטמאָל בלייבן זיי גאָר אינגאַנצן אָן ברויט. די „מאָרגן-פרייהייט" אָנערקענט, אַז עס קען ניט זיין קיין שלום און איינקייט צווישן ארבעטער און קאַפּיטאַליסט. די „מאָרגן-פרייהייט" רופט די ארבעטער, זיי זאָלען קעמפן געגן די קאַפּיטאַליסטן. דאָס הייסט, אַז די „מאָרגן-פרייהייט" שטייט אַפן קלאַסן-שטאַנדפּונקט און דערמיט אַליין איז זי שוין אַנדערש פון אַלע אַנדערע צייטונגען. עס זיינען דאָ אויף דער אידישער גאַס אויך אַנדערע צייטונגען, וואָס זאָגן, אַז זיי זאָרגן זיך פאַרן ארבעטער. אָבער זייערע מעשים לייקענען אָפּ זייערע ווערטער. עס איז דאָ אַ צייטונג „פאָרווערטס", וואָס רופט זיך אפילו „סאָציאַליסטיש". עס איז דאָ אַ צייטונג „טאָג", וואָס דערציילט אויך אירע לעזער, אַז זי איז אַ פריינט פון ארבעטער. די אַלע צייטונגען קענען ניט זיין קיין פיינט פון די קאַפּיטאַליסטן, ווייל זיי זיינען אַליין קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען. דער „פאָרווערטס" איז אָנגעשטאָפּט מיט גאָלד. דער „טאָג" איז דאָס פריוואַט-אייגענטום פון אַ קאַפּיטאַליסט. סיי דער „טאָג", סיי דער „פאָרווערטס" ווילן איינריידן די ארבעטער, אַז מען קען זיך פאַרלאָזן אַפן יושר פון קאַפּיטאַליסטן און קאַפּיטאַליסטישע פּאָליטישענס. סיי דער „טאָג", סיי דער „פאָרווערטס" ווילן איינריידן די ארבעטער, אַז מיט ווערטער קען מען זיך דערשלאָגן עפּעס בעסערס פאַרן ארבעטער-קלאַס. טאָמער זיינען די ארבעטער אומצופרידן מיט זייער לעבן אין די שעפּער, קומט דער „פאָרווערטס" און מאַכט אַ שווינדל. די „פאָרווערטס"-מענטשן אין די רעכטע יוניאָנס דערקלערן כלומרש'ט אַ סטרייק צו פאַרבעסערן דאָס ארבעטער-לעבן. אין דער זעלביקער צייט לאָזט מען אָבער וויסן די באַלעבאַטים, אַז דאָס איז נישט געפערלעך, אַז מען וועט זיך לאָזן ריידן. אָפּטמאָל האָט מען אַן אָפּמאַך מיט די באַלעבאַטים נאָך איידער מען האָט דערקלערט דעם כלומרשט'דיגן סטרייק. מען רופט אַ סטרייק, מען מאַכט אַ טאַראַראַם, עס באַקומט זיך אַן אָנשטעל, אַז מען גייט אויפטאָן ווער ווייסט וואָס. אָבער באַלד טאַקע זעצט מען זיך אַוועק אַרום טיש מיט די קאַפּיטאַליסטן און פּאָליטישענס, מיט וועמען מען האָט פריער אויסגעאַרבעט די גאַנצע פּראָגראַם. עס גייט אַוועק אַ סדרה פאַרהאַנדלונגען מיט קאָנפערענצן; מען זאָגט די ארבע-

טער, אַז מען דערשלאָגט זיך גאָלדענע גליקן. די אַרבעטער קערען זיך דערווייל אום אין די שעפּער. אַ „זיג" ווערט צעפּויקט אין „טאָג" און אין „פאָרווערטס" — און די באַדינגונגען אין די שעפּער בלייבן די זעלבע. די עקספּלואַטאַציע ווערט נאָך ערגער.

דערפון אַליין איז געדרונגען, אַז דער „פאָרווערטס" און דער „טאָג" *נאַרן* זייערע לעזער, ווען זיי ריידן וועגן אַרבעטער־אינטערעסן. דער „טאָג" און דער „פאָרווערטס" פאַרשטעלן זיך פאַר אַרבעטער־פריינט כדי צו קענען דינען די קאַפּיטאַליסטישע אינטערעסן. דערביי דינען זיי אויך זייערע אייגענע אינטערעסן. דער „טאָג" און דער „פאָרווערטס" זיינען גרויסע ביזנעס — און טאָמער וואָלטן די אַרבעטער זיי ניט געלייענט, וואָלטן זיי געמוזט באַנקראָטירן.

די „מאָרגן־פרייהייט" האָט ניט וואָס צו פאַרטיידיקן אַ חוץ די אַרבעטער־אינטערעסן. די „מאָרגן־פרייהייט" איז ניט קיין קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונג. די „מאָרגן־פרייהייט" ווייסט, אַז נאָר מיט *פאַראייניקטע קרעפטן*, *דורך צוואַנג*, *דורך קאַמף* קענען די אַרבעטער עפּעס אַרויסרייסן ביי די באַלעבאַטים. די „מאָרגן־פרייהייט" באַגנוגנט זיך ניט נאָר מיט ריידן, מיט געבן נויטיגע נייעס, נאָר זי העלפט טאַקע די אַרבעטער *זיך צו אָרגאַניזירן* און קעמפן געגן די באַלעבאַטים.

טאָמער ווילט איר נאָך אַ ביישפּיל, ווי אַזוי דער „טאָג" און דער „פאָרווערטס" נאַרן דעם אַרבעטער־עולם, ווען מיר דערמאָנען די „אַמעריקען פעדערייש אָוו לייבאָר". די טוער און פירער פון אָט־דער אָרגאַניזאַציע האָבן זיך שוין לאַנג אָפּגעזאָגט פון דעם מינדעסטן קאַמף געגן די באַלעבאַטים. פאַרקערט, וויליאַם גרין, דער פּרעזידענט פון דער א. פ. אָוו ל., און מעטיו וואָל, איינער פון אירע וויכטיגע פירער, האָבן טויזנטער מאָל דערקלערט, אַז עס איז ניטאָ קיין ווידערשפּרוך צווישן די אינטערעסן פון די אַרבעטער און די אינטערעסן פון די באַלעבאַטים, אַז זיי זיינען שותפים אין שאַפּ, אַז סטרייקס זיינען אַ שעדלעכע זאַך, אַז טאָמער גייען די ביזנעס ניט אַזוי גוט, דאַרפן די אַרבעטער אַראָפּלאָזן פון די ווייִדזשעס, כדי צו העלפן פאַרבעסערן דאָס מזל פון די קאַפּיטאַליסטן, און אַז די, וואָס גייען אַרויס אין קאַמף, זיינען שונאים פון דער מענטשהייט און מען דאַרף זיי ברעכן. טויזנטער מאָל האָבן טאַקע מעטיו וואָל און וויליאַם גרין און דזשאָן לואיס פון דער כלומרשט'דיגער מיינערס יוניאָן, און אַנדערע אַזוינע לייבאָר־פייקערס גענוצט אַלע מיטלען צו ברעכן די סטרייקס פון די פאָריערס, קלאָוקמאַכער, דרעסמאַכער, מיינערס, שיך־אַרבעטער, טעקסטיל־אַרבעטער און אַנדערע. טויזנטער מאָל האָבן די מאַכערס פון דער א. פ. אָוו ל. גערופן די פּאַ־

ליציי און געבראכט סקעבס צו העלפן די באלעבאטים, ווען די ארבעטער האבן געקעמפט פאר א בעסער לעבן. ניטא קיין ערגערער שונא פון דעם ארבעטער־קלאס, ווי אט־די געלע יוניאן־ביוראקראטן. אבער ווי פארהאלטן זיך דער „טאג" און דער „פארווערטס" צו אט־די פארברעכער? דער „טאג" און דער „פארווערטס" ווילן איינריידן די ארבעטער, אז די ביוראקראטן זיינען פריינט פון די ארבעטער. דער „טאג" און דער „פארווערטס" מאכן אן אנשטעל, אז מען דארף אפגעבן כבוד אט־די שונאים פון דעם ארבעטער־קלאס און מען דארף זיי פאלגן.

ווי אזוי פארהאלט זיך די „מארגן־פרייהייט" צו די יוניאן־ביוראקראטן? זי דעקט אויף דעם גאנצן שווינדל. זי ווייזט אן, אז דער „פארווערטס" אליין איז א נעסט פון יוניאן־ביוראקראטן. זי האט אויפגעדעקט ניט איין פארברעכן, ניט איין פאראט, ניט איין גנבה פון די „פארווערטס"־לייט, פון די „טאג"־לייט און פון די יוניאן־באסעס פון דער אמעריקען פעדערייישאן אוו לייבאר. די „מארגן־פרייהייט" שטייט אף דער וואך. זי ווייזט די ארבעטער דעם וועג צו דערלאנגען וואס מער קלעפ די באלעבאטים, כדי זיך פארבעסערן דאס לעבן.

די „מארגן־פרייהייט" קעמפט פאר געזונטע ארבעטער־יוניאנס

ווען די „פרייהייט" האט זיך געגרינדעט צוריק מיט 10 יאר, איז דאס ניט געווען קיין צופאל און ניט קיין קאפריז פון איינצעלנע מענטשן. עס האבן זיך געפונען צענדליקער טויזנטער אידישע ארבעטער, וואס האבן איינגעזען, אז די אלטע יוניאנס זיינען דורכגעפוילט דורך און דורך. אין א משך פון צענדליקער יארן האבן די אידישע ארבעטער געבויט א קלאוקמאכער־יוניאן, א דרעסמאכער־יוניאן, א שניידער־יוניאן, א פאריערס־יוניאן און האבן דורך אט־די יוניאנס געקעמפט און פארבעסערט זייער לעבן. האבן זיך אבער פארפעסטיגט אין די יוניאנס אלערליי פארשוינען, וואס האבן זיי גענומען אויסנוצן פאר זייערע אייגענע צוועקן. מען האט אין הארצן זיך אפגעזאגט פון קאמף. מען האט אוועקגעזעצט אייגענע מענטשן אויף די וויכטיגסטע שטעלעס. מען האט פארכאפט די גאנצע ארגאניזאציע אין אייגענע הענט. די רענק־ענד־פיילערס זיינען געבליבן אן באדייטונג. די ביוראקראטן האבן שלום געמאכט מיט די באלעבאטים און נאר געמאכט אן אנשטעל, אז זיי טוען עפעס פאר די באלמעלאכעס. די באוואוסטזיניגע ארבעטער האבן איינגעזען, אז דאס טאר מען ניט דערלאזן. זיי האבן אויך איינגעזען, אז מען דארף האבן א צייטונג, וואס זאל אויפדעקן אט־די מאכינאציע און ווייזן דעם ארבעטער דעם אמת. אזוי איז געלייגט געווארן

דער פונדאמענט פאר דער „פרייהייט“. פון דעמאלט אן שטייט זי די גאנצע צייט אין די ערשטע רייען פונם יוניאן־קאמף. צום אלעם ערשטן האט זי גענומען אויפדעקן פאר די רענק־ענד־פיילערס די פאר־ברעכן פון די יוניאן־פירער. זי האט גענומען וועקן די ברייטע מאסן יוניאן־לייט, אז זיי זאלן אראפווארפן דעם יאך פון די געלע. פון אנ־הויב האט זי נאר געפרואווט ארגאניזירן א **לינקן פליגל** אין די אלטע יוניאנס. די ארבעט איז אוועק זייער גוט. דער לינקער פליגל איז געוואקסן. עס איז געקומען א צייט, ווען דער לינקער פליגל איז אויסגעוואקסן אזוי גרויס, אז ער איז געווארן די מערהייט פון דער פאריערס יוניאן און פון דער קלאוקמאכער יוניאן. אויך צווישן די שניידער פון דער אמאלגאמייטעד האט דער לינקער פליגל געמאכט גרויס דערפאלג. אונטער דער פירערשאפט פון דעם לינקן פליגל האבן די פאריערס און דרעסמאכער דורכגעפירט צוויי גרויסע העלדישע סטרייקס אין יאר 1926 און האבן זיך דערשלאגן פאר־בעסערונגען.

דא האבן זיך אבער אריינגעמישט די מאכערס פון דער אמערי־קען פעדערעישאן אוו לייבאר צוזאמען מיטן „פארווערטס“ און זיינע יוניאן־ביוראקראטן. מען האט זיך גענומען ברעכן די לינקע באַ־וועגונג. מען האט דערויף אויסגעגעבן הונדערטער־טויזנטער דאַ־לארן. מען האט גערופן צו הילף פאליציי און דעטעקטיווס, אונטער־וועלט און ריכטער. מען האט איינגעפירט א טעראר. מען האט געבראכן די לינקע באוועגונג. מען האט צעשמעטערט די ארגאניזאַ־ציעס וואס האבן מער ניט געוואלט גיין אונטער דער פירערשאפט פון יוניאן־ביוראקראטן און וואס האבן אויסגעקליבן אלס פירער זייערע אייגענע מענטשן. דאס זעלביקע איז פארגעקומען אין דער מיינערס יוניאן און אין אנדערע יוניאנס, וואו די לינקע האבן זיך גענומען באפעסטיקן און די רעכטע האבן בעסער באשלאסן צו צעשמעטערן די ארגאניזאציעס איידער איבערגעבן די פירערשאפט צו די לינקע. ענדלעך האט די „פרייהייט“ איינגעזען, אז כדי צו באפרייען די ארבעטער פון אונטער דער שעדלעכער ביוראקראטישער הערשאפט, מוזן זיי בילדן **זייערע אייגענע יוניאנס**, וואס זאלן פארטיידיגן זייערע אינטערעסן.

אין די לעצטע יארן האט די „מארגן־פרייהייט“ געהאלפן בויען די אינדוסטריעלע נאדל יוניאן, די אינדוסטריעלע שיך־ארבעטער יוניאן, די אינדוסטריעלע שפייז־ארבעטער־יוניאן, ווי אויך א גאנצע ריי אנדערע יוניאנס. די „מארגן־פרייהייט“ האט געהאלפן די נייע יוניאנס אנפירן א קאמף קעגן די באלעבאטים. די „מארגן־פרייהייט“ האט אפעלירט אויך צו די רענק־ענד־פיילערס פון די אלטע יוניאנס, אז זיי זאלן דערקענען דעם פארברעכן פון זייערע ביוראקראטן און זאלן זיך אנשליסן אן דעם קאמף פון די לינקע יוניאנס. היינט־צו־

טאָג שטייט די „מאָרגן־פרייהייט“ פאר א ברייטן, פאראייניקטן קאמף פון אַלע ארבעטער, סיי אָרגאניזירטע, סיי ניט־אָרגאניזירטע, געגן די קאפיטאליסטן. די „מאָרגן־פרייהייט“ העלפט די ארבעטער אין אָט־דעם קאמף.

און וואָס טוען דער „טאָג“ און דער „פאָרווערטס“? זיי דערציילן די ארבעטער דעם מיאוס׳ן ליגן, אַז די ביוראָקראטישע יוניאָנס, וועלכע זיינען גאָר אין אמת׳ן קאָמפּאני־יוניאָנס, זיינען דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, וואָס די ארבעטער קענען פארלאנגען. דער „טאָג“ און דער „פאָרווערטס“ מאכן א מינע, אַז די לייבאָר־ביוראָקראטן, וואָס פאָרן רייטנדיג אויף די העלזער פון דער מאסע, זיינען די גוטע בעלי־טובות פון אָט־דער מאסע. דער „טאָג“ און דער „פאָרווערטס“ האָבן דערבײַ זייער מיין. זיי אַליין געהערן צו דער קליקע. זיי לעקן אָפּ א ביינדל פון די יוניאָן שווינדלערייען.

אויב אַן ארבעטער וויל באמת פארשטן זיין לאגע, אויב ער וויל וויסן, וואָס ער האָט צו טאָן, כדי צו פארבעסערן זיין לאגע, מוז ער לייענען די „מאָרגן־פרייהייט“.

די „מאָרגן־פרייהייט“ איז אַ צייטונג פון פּאָליטישן קאמף

די „מאָרגן־פרייהייט“ זעט, אַז די קאפיטאליסטן האָבן די גאנצע מאכט אין זייערע הענט. די פאבריקן זיינען זייערע. די פּאָליציי איז זייערע. די ריכטער אויך. די גאנצע רעגירונג, סיי אין וואשינגטאָן, סיי אין די איינצלנע שטאטן, טוט דעם ווילן פון די באָסעס. טאָמער גייען די ארבעטער ארויס אין סטרייק, הויבט זיך אָן געגן זיי אַן אטאקע פון אַלע זייטן. די קאפיטאליסטישע צייטונגען שיטן ליגנס; די קאפיטאליסטישע פּאָליציי שלאָגט איבער די קעפּ מיט קלאָבס; די קאפיטאליסטישע אונטערוועלט באפאלט מיט מעסערס; די קאפיטאליסטישע ריכטער פאר׳משפּט׳ן די סטרייקערס צו געפענגניש; די קאפיטאליסטישע גלחים פּרואוון ברעכן דעם ווידערשטאנד פון די ארבעטער מיט גאָט׳ס ווערטער און מיט א צוזאָג אויף בעסערע צייטן — אויף יענער וועלט. די „מאָרגן־פרייהייט“ זעט, הייסט עס, אַז ניט נאָר האָבן די קאפיטאליסטן די עקאָנאָמישע מאכט, נאָר זיי האָבן אויך די פּ אָ ל י ט י ש ע מאכט. די „מאָרגן־פרייהייט“ האַלט דעריבער, אַז די ארבעטער דארפן צעברעכן די פּאָליטישע מאכט פון די קאפיטאליסטן און באשאַפן זייערע אייגענע מלוכה־מאכט. ווען זיי וועלן דאָס האָבן דורכגעפירט, וועלן זיי קענען צונעמען ביי די קאפיטאליסטן זייערע פאבריקן, אייזנבאנען, מינען און אַנדערע מיטלען פון עקספּלואטאציע און זיי פארוואנדלען אין דעם אייגנטום פון דעם גאנצן פּאָלק. דאָס, זאָגט די „מאָרגן־פרייהייט“, קען ניט דערגרייכט ווערן

סיידן דורך אַ רעוואָלוציע מיט אַ באַוואַפנטן אויפשטאַנד, וואָס זאָל באַזיגן די באַוואַפנטע מאַכט פון די קאַפּיטאַליסטן און מאַכן די אַרבעטער פאַר באַלעבאַטים פונם לעבן. אָבער דאָס הייסט ניט, אַז די אַרבעטער זאָלן זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און וואַרטן, ביז דער טאָג פונם באַוואַפנטן אויפשטאַנד וועט קומען. אויב די אַרבעטער וועלן זיצן מיט צונויפגעלייגטע הענט, וועט דער באַוואַפנטער אויפשטאַנד קיינמאָל ניט קומען. די „מאָרגן־פרייהייט" זאָגט, אַז יעדן טאָג און בא יעדער געלעגנהייט דאַרפן די אַרבעטער פירן אַ פּאָליטישן קאַמף, ד. ה. זיי מוזן באַקעמפן די מלוכה־מאַכט פון די קאַפּיטאַליסטן. נאָכמער: אויב זיי ווילן שוין איצט כאָטש וויפיל ניט איז פאַרבעסערן זייער לאַגע, מוזן זיי נאָכאַנאַנד שטורעמען די מאַכט פון די קאַפּיטאַליסטן, — אַפילו ווען זיי טראַכטן נאָר וועגן מער מיט אַ דאָלער אין וויידזשעס און ווייניגער מיט אַ שטונדע אין אַרבעטס־טאָג. ווארום עס איז אַ פאַקט, אַז אויב מען טראַכט ניט וועגן דער אַלגעמיינער לאַגע פון דעם אַרבעטער־קלאַס, אויב מען זעט ניט איין, אַז עקאָנאָמיק און פּאָליטיק זיינען אויפן ענגסטן אופן צונויפגעבונדן, קען מען זיך ניט דערשלאָגן גאָרניט סיי אין פּאָליטיק, סיי אין עקאָנאָמיק. די אַרבעטער גייען אַרויס אין אַ סטרייק פאַר העכערע וויידזשעס. עס האַנדלט זיך נאָר וועגן מער מיט אַ דאָלער אַ וואָך, אַזוי דאַכט זיך. אָבער אָט וויל דער באָס ברייננגען סקעבס. די פּאָליציי פאַרטיידיגט די סקעבס. די פּאָליציי איז אַ געצייג פון דער מלוכה. אויב די אַרבעטער ווילן געווינען דעם סטרייק, דאַרפן זיי קעמפן געגן דער פּאָליציי. אויב די אַרבעטער ווילן דורכפירן אַ גוטע פּיקעט דעמאָנסטראַציע צו פאַרטיידיגן זייערע עקאָנאָמישע אינטערעסן, מוזן זיי ווידער קעמפן געגן דער פּאָליציי. אַ קאַמף געגן דער פּאָליציי איז אָבער אַ קאַמף געגן דער מלוכה — און דאָס איז פּאָליטישער קאַמף. דעריבער זאָגט די „מאָרגן־פרייהייט", אַז די אַרבעטער דאַרפן אָנפירן דעם פּאָליטישן קאַמף אָן אַן אויפהער. אַ פּיקעט־דעמאָנסטראַציע דאַרף אויך זיין אַ פּראָטעסט געגן דער מערדערלעכקייט פון דער פּאָליציי. אַ פאָדערונג פאַר העכערן לוין דאַרף אין דערזעלביגער צייט זיין אַ מיטל צו באַקעמפן די ריכטער, וואָס פאַר'משפט'ן סטרייקער. אַ קאַמף פאַר קלענערע רענט דאַרף אין דערזעלביגער צייט זיין אַ פּראָטעסט געגן דער רעגירונג, וואָס גיט די לענדלאָרדס פּריווילעגיעס און קימערט זיך נישט וועגן די ברייטע מאַסן. ביי יעדער געלעגנהייט, זאָגט די „מאָרגן־פרייהייט", דאַרפן די אַרבעטער אַרויסטרעטן געגן דער מאַכט פון קאַפּיטאַליזם. דעמאָנסטראַציעס אין די גאַסן, דעמאָנסטראַציעס דורך פאַרזאַמלונגען, פּראָטעסט־רעזאָלוציעס און פּראָטעסט־פּעטיציעס, מאַרשן, צוזאַמענשטויסן מיט דער פּאָליציי — דאָס איז די

טאָג־טעגלעכע פּראַקטיק פון דעם קלאַסנקאַמף, וואָס דאָס איז אַ פּאָליטישער קאַמף. די „מאָרגן־פרייהייט“ רופט די אַרבעטער זיך אויך צו באַטייליגן אין די פּאָליטישע וואַלן, וואָס קומען פאַר אַלע יאָר אָדער אַלע צוויי יאָר. די „מאָרגן־פרייהייט“ זאָגט, אַז עס איז וויכטיג פאַר די אַרבעטער צו האָבן זייערע אייגענע פאַרטרעטער אין די געזעצגעבנדיגע אַנשטאַלטן, וואָס זאָלן דאָרט אויסדריקן זייערע אינטערעסן. די „מאָרגן־פרייהייט“ זאָגט, אַז אויב אַפילו עס געלינגט נישט די אַרבעטער צו האָבן זייערן אַ פאַרטרעטער אין שונא'ס לאַגער, זיינען די וואַלן גופא אַ מיטל צו פאַראייניגן די אַרבעטער, זיי אויפצוקלערן און פאַרשטאַרקן זייער קאַמף געגן קאַפּיטאַליזם. אָבער אויך אָט־די וואַל־קאַמפּאַניעס זיינען ניט אָפּגעטיילט ביי דער „מאָרגן־פרייהייט“ פון אַלע איבעריגע פּאָליטישע קאַמפן. ווען עס קומט צו וואַלן, פרעגט די „מאָרגן־פרייהייט“: וועמען ווילט איר אויסקלייבן: איינעם, וואָס ברעכט סטרייקס, אָדער איינעם, וואָס וועט אייך העלפן פאַראייניקן צו געווינען סטרייקס? ווער, ווילט איר, זאָל אייך פאַרטרעטן: אַזוינער, וואָס איז שלום מיט די קאַפּיטאַליסטן, אָדער אַזוינער, וואָס וויל העלפן ברעכן די מאַכט פון די קאַפּיטאַליסטן?

און דאָ, פאַרשטייט זיך, איז דער אונטערשיד צווישן דער „מאָרגן־פרייהייט“ און דעם „טאָג“, צווישן דער „מאָרגן־פרייהייט“ און דעם „פאָרווערטס“ פונקט אַזוי שאַרף, ווי אומעטום. דער „טאָג“ און דער „פאָרווערטס“ האַלטן בכלל, אַז מען דאַרף נישט ברעכן די קאַפּיטאַליסטישע הערשאַפט. זיי גלויבן אין דער קאַפּי־טאַליסטישער מלוכה, און זיי גלויבן, אַז זי אַליין, מיט איר אייגענעם ווילן, קען אויסבעסערן אירע איבלען. מיט אַנדערע ווערטער: זיי גלויבן, אַז מען קען איינריידן די עקספּלואַטאַטאָרס זיי זאָלן אויפ־הערן עקספּלואַטירן, מען דאַרף נאָר שיקן אין די פּאַרלאַמענטן באַ־ריידעוודיקע מענטשן, וואָס זאָלן זאָגן די קאַפּיטאַליסטישע פאַר־טרעטער: „שעמען זיי זיך, מיינע הערן“, און וואָס זאָלן זיי א י ב ע ר צ י י ג ן, אַז עס איז בעסער צו זיין גוט און וואויל און פרום. דער „טאָג“ און דער „פאָרווערטס“ ווילן איינריידן די אַרבעטער, אַז מען קען ב י ס ל א כ ו ו י י ס איינריידן דעם וואָלף ער זאָל ווערן אַ שעפּס. זיי גלויבן אין ר ע פ אָ ר מ י ר ן די קאַפּיטאַליסטישע מלוכה. זיי גלויבן און זיי ווילן איינריידן די אַרבעטער, אַז אויב מען וועט לייגן אַ לאַטקעלע דאָ און אַ לאַטקעלע דאָרטן אַף דער געביידע פון עקספּלואַטאַציע, וועט דאָס שוין אויפ־הערן זיין עקספּלואַטאַציע.

פאַקטן באַווייזן, ווער עס איז גערעכט. דער אַמעריקאַנישער קאַפּיטאַליזם האָט זיך אַלעמאָל באַרימט, אַז די אַמעריקאַנישע רעגירונג איז די בעסטע אין דער וועלט. מען האָט נאָכאַנאַנד געטענה'ט, אַז

דאָס איז אַ „דעמאָקראַטיע" — און אַ דעמאָקראַטיע קען אַליין פֿאַרבעסערן אירע איבלען פֿון אינעווייניג, דורך רעפֿאָרמען. צו וואָס די דעמאָקראַטיע האָט געבראַכט, קען איצט זען יעדער אַרבעטער פֿון זיין אייגענעם לעבן. די דעמאָקראַטיע שיסט אַף סטרייקערס. די דעמאָקראַטיע צעטרייבט פּראָטעסט־פֿאַרזאַמלונגען. די דעמאָקראַטיע לינטשט נעגערס. די דעמאָקראַטיע שיקט אַרויס אומגעווינשטע אימיגראַנטן. די הענט פֿון דער דעמאָקראַטיע זיינען איינגעשמירט אין בלוט, ווייל דאָס איז קאַפּיטאַליסטישע דעמאָקראַטיע. דער „טאָג" און „פֿאָרווערטס" ווילן דערלאַנגען דער דעמאָקראַטיע אַ טיכעלע, זי זאָל זיך אָפּווישן די פֿאַרבלוטיקטע הענט. די „מאָרגן־פֿרייהייט" זאָגט, אַז דאָס איינציגע מיטל אָפּצושטעלן די בלוטיגע מעשים איז — פֿאַרניכטן דעם קאַפּיטאַליזם מיט זיין בלוטיגער פֿעיק־דעמאָקראַטיע. דאָס קען אָבער געטאָן ווערן נאָר דורך דעם קאַמף פֿון די אַרבעטער־מאַסן — און דער קאַמף דאַרף געפֿירט ווערן יעדן טאָג.

די „מאָרגן־פֿרייהייט" פֿירט די אַרבעטלאָזע צום קאַמף פֿאַר ברויט

געקומען דער קריזיס. די „מאָרגן־פֿרייהייט" האָט פֿון לאַנג נאָך געזאָגט, אַז דער קריזיס וועט קומען. די „מאָרגן־פֿרייהייט" האָט אָנגעוויזן, אַז דער קריזיס איז אומפֿאַרמיידלעך. פֿאַרוואָס? ווייל דער קאַפּיטאַליזם האָט געהאַלטן אין איין פֿאַרבעסערן זיינע מאַשינען, אין איין פֿאַרגרעסערן דעם „ספּיד־אַפּ", אין איין פּראָדוצירן מער און מער סחורות, און אין דער זעלביגער צייט האָט ער געצאָלט די אַרבעטער קלאָגעדיגע ווײדזשעס און עקספּלואַטירט סיי די פֿאַרמערס, סיי די אָפּגעשטאַנענע מאַסן פֿון די קאָלאָניאַלע פֿעלקער. עס איז נאַטירלעך, אַז אויב מען פּראָדוצירט אַ סך און די מאַסן האָבן נישט פֿאַר וואָס צו קויפֿן, וועט סוף כל סוף זיין צופֿיל סחורות, וואָס מען קען זיי ניט פֿאַרקויפֿן — און דאָס הייסט קריזיס.

די „מאָרגן־פֿרייהייט" האָט נאָך אין יאָר 1928 אָנגעוויזן, אַז דער קריזיס גייט, אַז ער איז שוין נישט ווייט. די „מאָרגן־פֿרייהייט" האָט דאָס געקענט פֿאָראויסזען, ווייל זי איז באַוואָפֿנט מיט דער וויסנשאַפֿטלעכער לערע פֿונם מאַרקסיזם־לעניניזם, זי אינטערעסירט זיך מיטן לעבן פֿון די אַרבעטער און פֿאַרשטייט זייער לאַגע. די „מאָרגן־פֿרייהייט" האָט געזאָגט, אַז די „פּראָספּעריטי" איז אַן אויפֿגעבלאָזענע, אַז דער שמאַלץ־גרוב פֿון קאַפּיטאַליזם האָט אין זיך אַ סך לעכער און אַז ליידן וועלן סוף כל סוף די ברייטע מאַסן. דער „טאָג" אָבער און דער „פֿאָרווערטס" האָבן געטאַנצט אַ ווילדן טאַנץ פֿאַר דער מיסעם פּראָספּעריטי. מען האָט געוואָלט איינריידן דעם עולם, אַז די פּראָספּעריטי וועט אָנהאַלטן אַף אייביג, אַז זי וועט נאָך

וואַקסן און ווערן פעטער. מען האָט געגלויבט אין קאַפּיטאַליזם. מען האָט געלאַכט פון דער „מאָרגן־פרייהייט“ און מען האָט זי גע־רופן „שוואַרץ־זעערין“. מען האָט אַנגעקוואָלן פון די טויזנטער, וואָס די אייגענע מענטשן האָבן געמאַכט דורך ספּעקולאַציעס אָף וואָל סטריט, אַז מען האָט געוואָלט איינריידן די מאַסן, אַז אַלעמען איז גוט און וואויל. אין דער צייט פון פּראָספּעריטי זיינען דער „טאָג“ און „פאָרווערטס“ און אַנדערע באַלעבאַטישע צייטונגען אָפּ־געגאָסן געוואָרן מיט גאָלד. האָבן זיי טאַקע געזונגען ליב־געזאַנגען דעם האָוווער־קאַפּיטאַליזם. זיי האָבן געזאָגט די אַרבעטער, אַז מען טאָר זיך ניט בונטעווען, עס איז זיך ניטאָ געגן וועמען צו בונטעווען, ווייל דער קאַפּיטאַליזם פאַרזאָרגט דאָך יעדן אַרבעטער מיט אַ „הייזקע“, אַן אויטאָמאָביל, אַ ראַדיאָ און אַנדערע גליקן.

איז געקומען דער קריזיס. די שמאַלץ איז אויסגערונען פון דער פּראָספּעריטי, דער גרוב איז געבליבן. אין גרוב ליגן די אַרבעטער־מאַסן. וואו זיינען די הייזקעס, מיט די ראַדיאָס, מיט די אויטאָ־מאָבילן, מיט די באַנק־ביכלעך פון די 12 מיליאָן אַרבעטלאָזע, וואָס האָבן ניט מיט וואָס צו לעבן? ביי די „פאָרווערטס“־לייט און די „טאָג“־לייט איז די פּראָספּעריטי ניט פאַרשוואונדן אַפילו אין צייט פון קריזיס. מאַסן שטייען אין ברעד־ליין. מאַסן האָבן נישט וואו צו וואוינען. מאַסן נעכטיקן אין אַלערליי טשאַריטי־לעכער. מאַסן שטאַרבן אַ הונגער־טויט. וואָס זאָגן איצט דער „טאָג“ און דער „פאָרווערטס“? זיי זאָגן, אַז מען דאַרף זיצן און שווייגן און זיך אַלץ פאַרלאָזן אָפן יושר פון די באַלעבאַטים. דער „טאָג“ און „פאָר־ווערטס“ פילן די גרויסע אומצופרידנקייט פון די מאַסן אין דעם קריזיס, דעריבער זאָגן זיי דאָ און דאָרט אַ וואָרט וועגן אַרבעט־לאָזיקייט־פאַרזיכערונג. אָבער זיי מיינען ניט דאָס, וואָס זיי זאָגן. עס איז נאָר פון יוצא וועגן. וואָרים ווען די אַרבעטער גייען טאַקע אַרויס אין גאַס צו פאָדערן ברויט, ווען די אַרבעטער אָרגאַניזירן אַ הונגער־מאַרש צו ברענגען זייערע פאָדערונגען צו די הערשער, ווען די אַרבעטער קעמפן פאַר אַרבעטלאָזיקייט־פאַרזיכערונג, וואַרפן דער „טאָג“ און דער „פאָרווערטס“ שטיינער אין וועג. ווען עס זיינען אַרויסגעגאַנגען דעם 6טן מערץ, 1930, אַריבער הונדערט־טויזנט אַר־בעטער אין די גאַסן פון ניו־יאָרק צו פאָדערן „אַרבעט אָדער ווייִדזשעס“, האָט דער „פאָרווערטס“ געזאָגט, אַז עס איז גאָרנישט געווען קיין מאַסן, נאָר אַ הייפעלע קאָמוניסטן. ווען די אַרבעטער גייען אין אַ הונגער־מאַרש איבער הונדערט מייל, כדי אויסצודריקן זייער ביטערקייט און זייער צאָרן, לאַכט דער „טאָג“ אין די הויפּנס. די איינציגע צייטונג, וואָס קעמפט באמת צו פאַרבעסערן דאָס לעבן פון די אַרבעטלאָזע אין צייט פון קריזיס, איז די „מאָרגן־פרייהייט“. און ווי קען עס דען זיין אַנדערש? אַט ווערן אָנגעפירט רענט־

סטרייקס אין די פארשיידענע טיילן פון דעם לאנד. צווישן די לענדלארדס זיינען דא א סך „פארווערטס"־לייט. צווישן די לענדלארדס זיינען דא א סך „טאג"־לייט. די דאזיגע צייטונגען מאכן אמאל א קרומע מינע, אקוראט ווי זיי אינטערעסירן זיך מיט די רענט־סטרייקס. דער אמת איז, אז זיי אינטערעסירן זיך צו העלפן די אייגענע מענטשן ארויסצופרעסן פון די טענענטס וואס מער רענט.

און וואס הערט זיך עפעס מיטן אויסגאנג פון דעם קריזיס?

די „מארגן־פרייהייט" זאגט, אז דער סוף פונם קריזיס איז נאך ווייט. די „מארגן־פרייהייט" זאגט, אז דאס וועט בכלל זיין א קלאגעדיגער סוף, ווייל דער קאפיטאליזם וועט זיך שוין קיינמאל ניט אומקערן צו דער פראספעריטי פון די יארן 1926־1929, און דאס הייסט, אז אויב אפילו דער קאפיטאליזם וועט א קאפיטשקע ארויסקריכן פון דעם איצטיקן זומפ, וועלן די מאסן אלץ נאך ליידן און שטעקן אין זומפ. דער „טאג" און דער „פארווערטס", אין גענצטייל, ווילן איינ־ריידן די ארבעטער, אז דער קריזיס איז נאר א דערוויילעקע „דע־פרעסיע", אז אט־אט און די פראספעריטי וועט זיך אומקערן נאך א גרעסערע ווי אמאל, מענטשן וועלן ווידער מאכן פעטע דאלארן, אלע וועלן האבן הייזקעס מיט אויטאמאבילן, מיט ראדיאס, מיט באנק־ביכלעך — און די שווערע צייטן וועלן זיין פארגעסן.

דא ווי אומעטום דינען דער „טאג" און דער „פארווערטס" די קאפיטאליסטישע אינטערעסן. די „פרייהייט" דינט די ארבעטער־אינטערעסן. די „פרייהייט" הערט נישט אויף צו דערמאנען די ארבעטער, אז אויב מען קען זיך עפעס דערשלאגן ה י י נ ט, איז דאס נאר דורך קאמף און אז דער בעסטער אויסוועג פונם קריזיס איז — מאכן א סוף פון קאפיטאליזם. די „מארגן־פרייהייט" מאביליזירט די ארבעטער פאר אט־דעם קאמף.

די „מארגן־פרייהייט" פאראייניגט די ארבעטער פון אלע פעלקער

קוקט אריין אין „טאג". איר וועט דארטן געפינען מעשות, אז דאס אידישע פאלק איז דאס אויסדערוויילטע פאלק און אז אלע אנדערע פעלקער זיינען ניט ווערט צו הייצן די פעטשערעס באם פאלק־ישראל. עפנט אויף דעם „פארווערטס" און איר וועט לייענען מעשות וועגן אידישע רבנים, אידישע פילאנטראפן און אנדערע אידישע „גרויסע מענטשן". דער צוועק פון אט־די אלע שרייבערייען איז — באשאפן א וואנט צווישן די אידישע ארבעטער און די ארבעטער פון אנדערע נאציאנאליטעטן. מען וויל איינריידן די אידישע ארבעטער, אז די איטאליענישע, פוילישע, סלאוואקישע אר־בעטער זיינען ערגערע מענטשן. וואס איז שייך די נעגער־ארבעטער, האלט מען זיי בכלל ניט פאר קיין מענטשן. די אמעריקען פעדעריי־

שאָן אָוו לייבאָר נעמט ניט אַריין קיין נעגערס אין אירע קאָמפּאַני־יוניאָנס. די רעגירונג נעמט ניט אַריין קיין נעגערס אין אירע אַנשטאַלטן. דער „טאָג“ און דער „פאָרווערטס“ האַלטן אַז דאָס איז ריכטיג. דער „טאָג“ און דער „פאָרווערטס“ דערציילן ווילדע מעשות וועגן קאָמוניסטישע פאַרוויילונגען, וואו עס פאַרברענגען צוזאַמען ווייסע און נעגערס. די „מאָרגן־פרייהייט“ איז די איינציגע אידישע צייטונג, וואָס לערנט די אַרבעטער, אַז די נעגער־אַרבעטער זיינען זייערע ברידער. די „מאָרגן־פרייהייט“ קעמפט צווישן די לינקע אָרגאַניזאַציעס געגן דעם ווייסן שאָוויניזם. טאָמער מערקט זיך ערגעץ אַ שלעכטע באַציאונג פון אַ לינקן צו די נעגער, ווערט דאָס ברייט אויפגעדעקט אין דער „מאָרגן־פרייהייט“, דער שולדיגער ווערט פאַראורטיילט, די אַרבעטער־מאַסן ווערן געוואָרנט געגן אַ ווידערהאָלן פון אַזאַ פאַרברעכן און דער רעזולטאַט איז, אַז עס ווערט אַריינגעטראָגן מער ליכט אין די אַרבעטער־מוחות און מער אייניקייט אין די אַרבעטער־רייען. די „מאָרגן־פרייהייט“ האַמערט אויס דעם פאַראייניקטן פראָנט פון די אַרבעטער פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן, צוליב דעם, וואָס דאָס פאַרשטאַרקט דעם אַרבעטער־קאַמף. די קאַפּיטאַליסטן זיינען פאַראינטערעסירט צו צעשפּאַלטן די אַרבעטער־רייען. דעריבער זייען זיי שנאה צווישן די מאַסן פון איין פאָלק און אַ צווייטן. דעריבער רייצט מען דעם געבוירענעם אַמעריקאַנישן אַרבעטער געגן דעם אַרבעטער־אימיגראַנט, דעם ווייסן געגן שוואַרצן. די אינטערעסן פון די אַרבעטער פאָדערן, פאַרקערט, אַז דער קלאַסן־פראָנט זאָל זיין געשלאָסן. טאַקע דעריבער טוען דער „טאָג“ און דער „פאָרווערטס“ די ווייסטע אַרבעט פון העצן געגן די אַרבעטער פון פרעמדע נאַציאָנאַליטעטן: אַזוי פאָדערן דאָס די באַלעבאַטישע אינטערעסן. און טאַקע דערפאַר שטרעבט די „מאָרגן־פרייהייט“ צו פאַראייניקן א ל ע א ר ב ע ט ע ר פון יעדן אָפּשטאַם, יעדער פאַרב און יעדער נאַציע: דאָס פאָדערן די אַרבעטער־אינטערעסן.

די „מאָרגן־פרייהייט“ איז אַ צייטונג פון אינטערנאַציאָנאַליזם

דערמיט גייען מיר צו צו אַ זייער וויכטיגער פראַגע, — די נאַציאָנאַלע פראַגע. דער „טאָג“ און דער „פאָרווערטס“ זיינען נאַציאָנאַליסטיש. די „מאָרגן־פרייהייט“ איז אינטערנאַציאָנאַליסטיש. וואָס באַדייט דאָס?

דער „טאָג“ און דער „פאָרווערטס“ זאָגן, אַז די אידישע באַלעבאַטים און די אידישע אַרבעטער האָבן געמיינשאַפטלעכע אינטערעסן. דער „טאָג“ און דער „פאָרווערטס“ זאָגן, אַז אָט־די געמיינשאַפטלעכע אינטערעסן זיינען אין געגנזאַץ צו די אינטערעסן פון אַנדערע נאַציעס. די „מאָרגן־פרייהייט“ זאָגט, אַז די אידישע אַרבעטער און

די אַרבעטער פון אַלע אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן האָבן געמיינשאַפטלעכע אינטערעסן און אַז אַט־די אינטערעסן זיינען אין געגנזאַץ צו די אינטערעסן פון די קאַפּיטאַליסטן. ווער איז גערעכט? אַלע זיינען גערעכט. דער „טאָג“ און דער „פאָרווערטס“ זיינען גערעכט פון קאַפּיטאַליסטישן שטאַנדפונקט. די „מאָרגן־פרייהייט“ איז גערעכט פון פּראָלעטאַרישן שטאַנדפונקט.

עס איז גוט פאַר די קאַפּיטאַליסטן, אַז די אַרבעטער זאָלן זיין צעריסן, און עס איז גוט פאַר די קאַפּיטאַליסטן, אַז די אַרבעטער זאָלן אַף זיי קוקן ווי אַף ברידער. אויב די אַרבעטער זיינען צעריסן, וועלן זיי ניט בילדן קיין פאַראייניגטן פראָנט צו באַקעמפן די עקספּלואַטאַציע פון די באַלעבאַטים. אויב די אַרבעטער קוקן אַף די באַלעבאַטים ווי אַף אייגענע, ווי אַף ברידער, וועלן זיי זיך ניט אַזוי שנעל אומקוקן, ווען דער „ברודער“ זויגט פון זיי דאָס בלוט. דעריבער טאַקע פּרייִדיקן דער „טאָג“ און דער „פאָרווערטס“ „נאַציאָנאַלע איינהייט“. זיי זאָגן, אַז כאָטש די מיטגלידער פון איין נאַציע מעגן האָבן צווישן זיך די אָדער יענע סכסוכים, בלייבן זיי פונדעסטוועגן איין פאַראייניגטע משפּחה. זיי זאָגן, למשל, אַז *ד אָ ס פּ אָ ט ע ר ל אַ נ ד* איז אַ געמיינשאַפטלעכע באַזיץ פון די אַרבעטער און קאַפּיטאַליסטן, אַז די פאַרטיידיגונג פון אַט־דעם „פּאָטערלאַנד“ מוז פאַראייניגן אַרבעטער און באַלעבאָס. די „מאָרגן־פרייהייט“ זאָגט, אַז דאָס וואָס ס׳איז גוט פאַר די באַלעבאַטים, דאָס איז שלעכט פאַר די אַרבעטער, אַז די אַרבעטער האָבן נישט וואָס צו פאַרטיידיגן, ווייל זיי האָבן נישט וואָס צו פאַרלירן, און אַז דאָס בעסטע מיטל צו העלפן די אַרבעטער איז — ברעכן די קאַפּיטאַליסטישע הערשאַפט. דעריבער זאָגט די „מאָרגן־פרייהייט“, אַז טאָמער ווערט „מיין“ רעגירונג באַזיגט אין דער צייט פון אַ מלחמה, איז דאָס בעסער פאַר מיין אַרבעטער־קלאַס, ווייל דאָס שוואַכט אָפּ די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונג און מאַכט לייכטער צו צעברעכן די קאַפּיטאַליסטישע הערשאַפט.

אומעטום זעט איר, ווי אַזוי די „מאָרגן־פרייהייט“ פון איין זייט, די באַלעבאַטישע פּרעסע פון דער צווייטער זייט, פאַרטיידיקן פאַרשיידענע קלאַסן־אינטערעסן.

די „מאָרגן־פרייהייט“ דעקט אויף דעם פאַרברעכן פון ציוניזם

אַ קאַפּיטאַליסטיש פּאָטערלאַנד איז גוט פאַר די קאַפּיטאַליסטן. ווען זיי האָבן אַזאַ פּאָטערלאַנד, רופן זיי די אַרבעטער צו פאַרגיסן זייער בלוט, כדי עס צו פאַרטיידיקן. ווען זיי האָבן אַזוינס ניט, ווי אַשטייגער די אידישע קאַפּיטאַליסטן (זייערע פּאָטערלענדער זיינען די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וואו זיי וואוינען), ווילן זיי דאָס

שאַפן. ווען זיי ווייסן זייער גוט, אַז עס איז ניט מעגלעך צו שאַפן אַ נייַ פאָטערלאַנד, ווילן זיי כאָטש ווענן דעם אַגיטירן צווישן די מאַסן. די אַגיטאַציע אַליין האָט שוין אויך פאַר זיי אַ ווערט.

אַזוי איז דאָס מיטן ציוניזם.

עס הייסט, אַז די ציוניסטן ווילן שאַפן אַ אידיש „פאָטערלאַנד“ אין פאַלעסטינע. ווען אפילו אַזאַ פאָטערלאַנד זאָל מעגלעך זיין, וואָלטן דערפון אויך נאָר געוואונען די קאַפּיטאַליסטן. סוף־כל־סוף איז דאָך פאַרן אַרבעטער קיין אונטערשייד נישט, צי איירישע פאַליסלייט אין ניו־יאָרק, צי העברייאישע פאָליסלייט אין פאַלעסטינע וואָלטן געבראָכן זייערע סטרייקס. אָבער דער אמת איז, אַז פאַלעסטינע וועט קיינמאָל ניט ווערן דאָס לאַנד פון די אידן. דאָס וויל נישט דער בריטישער אימפּעריאַליזם, וועלכער האַלט איצט די אויבערהערשאַפט איבער פאַלעסטינע. דאָס איז ניט מעגלעך צוליב די באַדינגונגען אין פאַלעסטינע גופא, ווייל עס איז דאָרט נשטאָ קיין פרייע ערד צו באַזעצן נייע „סעטלערס“ און די גאַנצע ערד איז שוין באַזעצט, מערסטנס מיט אַראַבער. דער עיקר אָבער קען פאַלעסטינע ניט ווערן קיין אידישע מלוכה, ווייל עס האָט זיך שוין דערוואַכט דער רעוואָלוציאָנערער גייסט אין די אַראַבישע אַרבעטער און פויערים, ווייל זיי מאַכן שוין אויפשטאַנדן געגן בריטישער הער־שאַפט און דאָס וועט פריער אָדער שפּעטער מאַכן אַ סוף פון אימ־פּעריאַליזם און באַפרייען פאַלעסטינע פאַר די אַראַבישע מאַסן.

דאָס שטעלט אָבער ניט אָפּ די אידישע באַלעבאַטים פון צו פירן אַגיטאַציע פאַר „ציון“. עס מעג פון דער אַגיטאַציע ניט אַרויסקומען קיין „אידישע היימלאַנד“. דאָס איז ניט אַזוי וויכטיק. וויכטיק איז, וואָס מען קען פאַרשפּרייטן פעלקער־פיינטשאַפט צווישן די אידישע מאַסן. מען קען זיי דערציילן אויפן ציוניסטישן שטייגער, אַז אַ ל ע „גויאים“ זיינען פיינט פון אַלע אידן, צו וואָס פאַר אַ קלאַס זיי זאָלן ניט געהערן. מען קען זיי איינריידן, אַז דאָס וועט שטענדיק זיין אַזוי און אַז קיין זאַך וועט ניט אָפּשטעלן די פיינט־שאַפט פון פעלקער צו פעלקער. דורך אַזאַ אַגיטאַציע פּרואווט מען נאָר שאַפן שנאה צווישן אידישע און ניט־אידישע אַרבעטער — וואָס דאָס דאַרף אָפּשוואַכן זייער געמיינזאַמען קאַמף און וואָס דערפון געווינען נאָר די קאַפּיטאַליסטן.

מען קען זיך אָבער נישט באַנוגענען מיט לויטער אַגיטאַציע, פּרואווט מען טאָן ציוניסטישע פּראַקטישע אַרבעט. די אַרבעט באַ־שטייט אין קויפן לאַנד באַ די אַראַבישע פּריצים פאַר זייער הויכע פּרייזן און אַראָפּטרייבן פון דער ערד די אַראַבישע פויערים, וואָס זיינען אויף איר געזעסן הונדערטער יאָרן. די פּראַקטיק באַשטייט אין דורכפירן די פּאָליטיק פונם בריטישן אימפּעריאַליזם אין פאַלעס־טינע און אין דערציילן די אידישע מאַסן, אַז די בלוטיגע גרויס־בריטאַנישע מלוכה איז אַ „פריינט“ פונם אידישן פאָלק. ווען דער

בריטישער אימפעריאליזם גיט די ציוניסטן א זעץ מיט א פוס און מאכט פאר זיי קלאָר, אז ס'איז ניטאָ וואָס צו ריידן וועגן א אידישן „פאָטערלאנד“, קושן נאָך אויך א סך ציוניסטן די בלוטיקע אימפעריאליסטישע האנט, און הויבן אָן שמועסן אז מען דארף זיך גאָר נעמען פאר א באשיצער דעם אמעריקאנישן אימפעריאליזם. די גאנצע פראקטישע ארבעט פון די ציוניסטן איז איין ליניע פון בארויבן די הארעפּאשנע אראבישע מאסן און פון זייען נאציאָנאליסטישן סם צווישן די אידישע מאסן.

אזוי ווי דער „טאָג“ און דער „פאָרווערטס“ זיינען געטריי די קאפּיטאליסטן, אזוי ווי זייערע מענטשן זיינען אליין גרויסע אָדער קליינע קאפּיטאליסטן, דעריבער זיינען די דאָזיגע צוויי צייטונגען פארברענטע ציוניסטן. זיי ווילן איינריידן די ארבעטער, אז ניט אין קאמף וועלן זיי געפינען זייער באפרייאונג, נאָר אין בוקן זיך פארן בריטישן אָדער אמעריקאנישן באוואפנטן קולאק, אז ער זאָל העלפן בארויבן די אראבישע מאסן. זיי מאכן א פרעטענזיע, אקוראט ווי די אידן וואָלטן געהאט דאָס „הייליגע לאנד“, כאָטש אין אמת'ן איז דאָס גאָרניט זייערס. זיי שטעלן ארויס א טענה, אז פּאלעסטינע האָט אמאָל געהערט צו די אידן (צוריק מיט אריבער 2,000 יאָר) און זיי פארשווייגן דעם פאקט, וואָס די אראבישע מאסן זיצן דאָרט איצט און זיינען דאָרט געזעסן פאר די לעצטע טויזנט יאָר. דאָס וואָס די אידן זיינען פון דאָרטן אוועק אריבער 2,000 יאָר, דאָס איז פאר זיי א „קליים“, דאָס וואָס די אראבער זיצן דאָרט א י צ ט, האָט פאר זיי ניט קיין באדייטונג, ווייל דאָס זיינען מאסן פון אן אנדער נאציע. אָט־אזוי פארדארבן די צייטונגען דעם געדאנק און געפיל פון זייערע לעזער.

די „מאָרגן־פרייהייט“ איז אויסגעהאלטן אינטערנאציאָנאליסטיש. די „מאָרגן־פרייהייט“ זאָגט, אז יעדעס לאנד דארף געהערן צו די מאסן, וואָס וואוינען דאָרטן. די „מאָרגן־פרייהייט“ קעמפט פאר דער באפרייאונג פון אלע קאָלאָניעס און זי מוז דעריבער קעמפן אויך געגן דעם פלאן פון אָרגאניזירן אין פּאלעסטינע א אידישע קאָלאָניע פאר די ראָזענוואלדס, ווארבורגס, גוגענהיימס, שטראוסעס און אנדערע אידישע מיליאָנערן.

די „מאָרגן־פרייהייט“ איז אינטערנאציאָנאליסטיש. דאָ ווי אומעטום פארטיידיגט זי די ארבעטער־אינטערעסן. עס איז אין די אינטערעסן פון ארבעטער־מאסן, אז פּאלעסטינע זאָל געהערן צו די אראבישע הארעפּאשניקעס. עס איז אין די אינטערעסן פון די ארבעטער, אז אין פּאלעסטינע גופא זאָלן די אידישע און אראבישע הארעפּאשניקעס קעמפן געגן אידישע און אראבישע קאפּיטאליסטן און פריצים און אויך געגן דער בריטישער הערשאפט. דער קאמף געגן ציוניזם האָט זיך אָפּט זייער פארשפּרייט אין דער „מאָרגן־פרייהייט“, דערהויבט סוף זומער 1929 ווען די אראבישע מאסן

האָבן געמאַכט אין פּאַלעסטינע אַן אויפשטאַנד געגן דעם בריטישן אימפּעריאַליזם און זיין משרת — דער ציוניזם. די אידישע צייטונגען און די אידישע באַלעבאַטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן דעמאָלט געפירט אַ פּאָגראָם־העצע געגן דער „מאָרגן־פרייהייט“. מען האָט אָרגאַניזירט אַ טעראָר געגן אַלע אָרגאַניזאַציעס און פּערזאָנען, וואָס לייענען די „מאָרגן־פרייהייט“. אָבער די אַרבעטער־מאַסן זיינען געשטאַנען פעסט, ווי אייזן, אַרום זייער אַרבעטער־צייטונג און זיי האָבן אָפּגעשלאָגן אַלע אַטאַקעס.

די „מאָרגן-פרייהייט“ שאַפט פּראָלעטאַרישע קולטור

צו וואָס דאַרף מען קולטור? ענטפערן מענטשן: מען דאַרף האָבן קולטור, כדי מען זאָל מער פאַרשטיין, כדי מען זאָל קענען בויען אַ בעסער לעבן, כדי מען זאָל קענען זיך געפינען אויף אַ העכערער מדרגה. עס פרעגט זיך אָבער: ווער זאָל פאַרשטיין — קאַפּיטאַליסטן אָדער אַרבעטער? פאַר וועמען זאָל מען בויען אַ בעסער לעבן — פאַר די עקספּלואַטאַטאָרס אָדער די עקספּלואַטירטע? ווער זאָל זיך געפינען אויף אַ העכערער מדרגה — די הערשער אָדער די באַהערשטע? די קאַפּיטאַליסטן וואָלטן אַ בעלן געווען, אַז זיי אַליין זאָלן פאַרשטיין וואָס מער, אָבער די אַרבעטער זאָלן פאַרשטיין וואָס וויניגער, ווייל אויב די אַרבעטער פאַרשטיין זייער לאַגע, וועלן זיי ניט וועלן טראָגן דעם יאָך. די קאַפּיטאַליסטן וואָלטן אַ בעלן געווען, אַז די אַרבעטער זאָלן פאַר זיי בויען אַ גליקלעך לעבן און אַליין זאָלן זיי זיך געפינען אין שפלות. דערפון איז געדרונגען, אַז דער ענין קולטור איז גאָרניט אַזאַ איינפאַכער. פאַראַן קולטור, וואָס טויג פאַר די באַלעבאַטים, און פאַראַן קולטור, וואָס טויג פאַר די אַרבעטער. די באַלעבאַטישע קולטור שטרעבט צו פאַרבינדן דעם אַרבעטער מיט דעם באַלעבאָס, אַזוי אַז דער אַרבעטער זאָל ניט קעמפן. די פּראָלעטאַרישע קולטור שטרעבט אַוועקצושטעלן דעם אַרבעטער־קלאַס געגן דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס און אים באַוואָפענען צו פירן דעם קאַמף. עס מוז דעריבער פאָרקומען אַ קאַמף צווישן אָט־די צוויי קולטורן, ווי עס קומט פאָר אַ קאַמף צווישן די צוויי קלאַסן.

די קאַפּיטאַליסטישע קולטור האָט אַ סך מיטלען, מיט וועלכער זי פּרוּווט אָפּהאַלטן דעם אַרבעטער פון קלאַסנקאַמף. זי שטעלט אַרויס דאָס בילד פון א ג אָ ט, וועלכער איז כלומרש'ט אַ פאָטער פון אַלעמען און וועט באַשטראָפן די זינדיגע און באַלוינען די גערעכטע אויף יענער וועלט — וואָס דאָס הייסט, אַז אויף אונזער זינדיגער וועלט דאַרפן מענטשן גאָר ניט זאָרגן פאַר זייערע אינטערעסן. זי שטעלט אַרויס אַ גאַנצן סקאַדראָן רבנים און גלחים און מולאַס און אַנדערע הייליגע מענטשן, וואָס דאַרפן דערציילן

די אַרבעטער, אַז אַלע מענטשן זיינען ברידער, קאַפּיטאַליסטן צו אַרבעטער, שקלאַפנטרייבער צו שקלאַפן, און אַז בונטעווען זיך געגן די „העברעע" איז אַ גרויסע זינד. זי שטעלט אַרויס די אידעע וועגן אַ נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר ה י י ל י ג ט ו ם, וואָס דאָס איז ביי אידן, אַשטייגער, די הייליגע תורה, ביי וויניגער פרומע אידן — די „נאַציאָנאַלע שפּראַך", ביי אַלע צוזאַמען די נאַציאָנאַלע איינהייט. דאָס אַלץ ווערט געטאָן מיטן צוועק איינצוהאַלטן דעם אַרבעטער אונטער קאַפּיטאַליסטישן איינפלוס. זאָל דער אַרבעטער מיינען, אַז ער מיטן קאַפּיטאַליסט זיינען שותפים אין דער תורה. זאָל ער מיינען, אַז ער מיטן קאַפּיטאַליסט דאַרפן צוזאַמען אויפהאַלטן די נאַציאָנאַלע קולטור. זאָל ער מיינען, אַז ער מיטן קאַפּיטאַליסט דאַרפן צוזאַמען זיצן אין טעמפּל פון דער נאַציאָנאַלער שפּראַך. דאָס איז אַלץ גוט פאַר די קאַפּיטאַליסטן. דאָס איז אַלץ שלעכט פאַרן אַרבעטער־קלאַס.

די פּראָלעטאַרישע קולטור מאַכט דעם אַרבעטער פאַרשטיין, אַז קיין גאָט איז ניטאָ, אַז די גלחים און רבנים פּריידיגן אין די אינטערעסן פון די קאַפּיטאַליסטן, אַז אַ שטראָף דאַרף קומען אויף ד ע ר וועלט און דוקא אויף די עקספּלואַטאַטאָרס, וואָס באַרויבן די מאַסן, אַז ברידער זיינען נאָר אַלע אַרבעטער און אַלע האָרעפּאַשניקעס, אָבער די קאַפּיטאַליסטן און די פּריצים זיינען ניט זייערע ברידער, נאָר זייערע הענקער. די פּראָלעטאַרישע קולטור מאַכט קלאָר פאַר די אַרבעטער, אַז נאַציאָנאַלע הייליגטום איז קאַפּיטאַליסטישע הייליגטום, וואָס דאַרף באַהערשן די אַרבעטער־מוחות, אַז נאַציאָנאַלע קולטור איז די קולטור פון זייערע אונטערהדריקער — אַשטייגער: די שול, די צייטונגען, דער טעאַטער, די מוזייאוּמס, די ביכער, וואו עס ווערט געלויבט די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט און ס'ווערט באַוויזן, אַז מען טאָר זי נישט באַקעמפן. די פּראָלעטאַרישע קולטור וויזט אָן די אַרבעטער, אַז נאַציאָנאַלע שפּראַך איז גאָר אַ מיטל, אַן אינסטרומענט, און עס ווענדעט זיך, וואָס מען טוט מיט אָט־דעם אינסטרומענט. אויב מען שרייבט אויף אידיש סקעב־אויפרופן געגן אַ סטרייק, איז דאָס קאַפּיטאַליסטישע שפּראַך — און מען דאַרף עס באַקעמפן. אויב מען שרייבט אויף דער זעלביקער שפּראַך אַ סטרייק־אויפרוף, איז דאָס פּראָלעטאַרישע שפּראַך — און די אַרבעטער דאַרפן דאָס נוצן. די פּראָלעטאַרישע קולטור מאַכט די אַרבעטער פאַרשטענדיגער, מוטיגער, שטאַרקער. די פּראָלעטאַרישע קולטור ברויכט די פאָלק־שפּראַך, ווייל אויף דער שפּראַך איז לייכטער צו מאָביליזירן די האָרעפּאַשנע מאַסן. אָבער די פּראָלעטאַרישע קולטור זאָגט נישט, אַשטייגער, אַז אַבי אידיש איז שוין גוט. אַלצדינג ווענדעט זיך אָן דעם, וואָס מען טוט מיט דעם אידיש.

עס פאַרשטייט זיך, אַז דער „טאָג" און דער „פאָרווערטס"

זיינען פארשפרייטער פון בורזשואזער קולטור.ביידע צאצקען זיך מיטן רב און מיטן גלח און מיטן גאט פון אברהמ'ען און פון יצחק'ן און פון יעקב'ן. ביידע רימען די הייליגע תורה, ביידע ריידן וועגן דער גרויסקייט פון דער נאציאנאלער שפראך, כאטש אליין גלויבן זיי קנאפ אין דער נאציאנאלער שפראך און זיי גלויבן אויך ניט אין גאט. ביידע טענה'ן נאכאנאנד, אז „כל ישראל חברים", און ביידע האבן דערקלערט די אנהענגער פון דער „מארגן-פרייהייט" פאר „נאציאנאלע-משומדים", ווען יענע האבן געזאגט, אז די אראבער האבן א רעכט צו קעמפן מיט געווער אין האנט געגן דעם אימפעריאליסטיש-ציוניסטישן אנפאל, וואס ווערט דורכגעפירט מיט דער שווערד און מיט גאלד.

די „מארגן-פרייהייט" פארשפרייט פראלעטארישע קולטור.

די „מארגן-פרייהייט" העלפט אליין שאפן פראלעטארישע קולטור. אין דער „מארגן-פרייהייט" געפינט דער ארבעטער דאס וויסן און די נייעס און די פארשטעלונגען און די געפילן און דעם ענטוזיאזם און דעם וויסנשאפטלעכן באדן פאר זיינע קאמפן געגן קאפיטאליזם.

די „מארגן-פרייהייט". גייט אין די ערשטע רייען פון א גרויסער פראלעטאריש-קולטורעלער ארמיי.

די „מארגן-פרייהייט" שאפט פראלעטארישע קולטורעלע אנשטאלטן

פרעגט, אשטייגער, וויפיל אנשטאלטן האט באשאפן דער „פאר-ווערטס" און דער „טאג" פאר די לעצטע 10 יאר? באשאפן האבן זיי גארניט, צעבראכן האבן זיי א סך. זיי האבן געבראכן די אמאל שטארקע נאדל-יוניאנס; זיי האבן געהאלפן די גרינס און די וואלס און די אנדערע שטערער צו צעברעכן אנדערע יוניאנס; זיי האבן פארוואנדלט דעם אמאל גאנץ פיינעם „ארבעטער-רינג" אין א ממשלה פון פאבריקאנטלעך און באנקירלעך, שול-אידן און באלעבאטישע קהל'שע קליאמקעס; זיי האבן, הייסט עס, געמאכט פון דער „ארבעטער-רינג" א באלעבאטישע לאדזש, וואס האלט אין באנקראטירן. זיי האבן ארייננעטראגן אזא גייסט אין די „ארבעטער-רינג"-שולן, אז דער גרעסטער טייל זייערער איז אוועק פון זיי און זיך אנגעשלאסן אן דער לינקער צעקער באוועגונג. זיי האבן געפרואווט שאפן א „אידישע קולטור-געזעלשאפט", זשיפעט זי קוים און האלט אלע טאג אין אויסהויכן איר באלעבאטישע נשמה. זיי האבן אין אמת'ן קיין זאך ניט געשאפן — א חוץ צעשטערונג, מיאוס'קייט, באלעבאטישן עקל. וואס זיי האבן יא געשאפן איז — גאנצע סקאנדאלעזע פינאקל-שפילער. דאס איז דער רעקארד פון אט-די באלעבאטישע ארגאנען.

וואס האט אויפגעטאן די „מארגן-פרייהייט" אין פרט פון קולטורעלע ארגאניזאציעס? צוריק מיט 10 יאר האט עקזיסטירט

נאָר איין געזאַנגס־פאַראיין — אין שיקאַגאָ. היינט האָבן מיר אַ פּאָר צענדליג „פרייהייט־געזאַנגס־פאַראיינען" איבערן גאַנצן לאַנד און די פאַראיינען האָבן אפילו באַשלאָסן אָפּצוהאַלטן אַן אַלגעמיי־נעם צוזאַמענפאָר, וואו 700 ארבעטער זאָלן זינגען אין איין כאָר. צוריק מיט 10 יאָר האָט ניט עקזיסטירט קיין איינציגער אידישער ארבעטער־קלוב. היינט האָבן מיר צענדליגער ארבעטער־קלובן צע־וואָרפן פון אַטלאַנטיק ביז פּאַסיפיק — און די קלובן טוען וויכטיגע ארבעט אין דינסט פון דעם ארבעטער־קלאַס. צוריק מיט 10 יאָר איז ניט געווען קיין אידישער ארבעטער־טעאַטער. היינט האָבן מיר געשאַפן דעם „ארטעף", אַ טעאַטער פון ארבעטער, פאַר ארבעטער, וועלכער האָט דערגרייכט אַ הויכע אַנטוויקלונג. צוריק מיט 10 יאָר איז ניט געווען קיין אידישע פּראָלעטאַרישע קינדער־שולן. היינט האָבן מיר אַריבער 150 שולן מיט אַריבער 5,000 שילער, וואו די קינדער ווערן דערצויגן אויף אידיש אין גייסט פון קלאַסן־קאַמף. די שולן גיבן ארויס צענדליגער ביכער. צוריק מיט 10 יאָר איז קיין לינקע פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציע ניט געווען; עס איז נאָר געווען דער „ארבעטער־רינג", וועלכער האָט אויף זיין קאָנווענשאָן אין טאָראָנטאָ זיך אַוועקגעשטעלט אין דינסט פון די קאַפּיטאַליסטן און געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. פון דעמאָלט אָן איז דער „ארבעטער־רינג" געפאַלן אַלץ נידעריגער און נידעריגער — און דער סוף האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז 5־6 טויזנט האָבן זיך פון אים אָפּגעשפּאָלטן, טויזנטער אַנדערע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן די אָפּגעשפּאָלטענע, און עס איז געשאַפן געוואָרן דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבעטער־אָרדן, וואָס פאַרמאָגט שוין 15,000 מיטגלידער און וואָס וועט אינגיכן פאַרמאָגן אַ סך מער.

לעקציעס און דיסקוסיעס, טעאַטער־פאַרשטעלונגען און ארבעטער־קאָנצערטן, מאַנדאָלין־אָרקעסטערס און געוויינטלעכע אָרקעס־טערס, קלוב־ארבעט און אָרדן־ארבעט, שולן פאַר קינדער און שולן פאַר דערוואַקסענע — צווישן וועלכע עס טיילט זיך ארויס דער אידישער ארבעטער־אוניווערזיטעט — דאָס איז אַלץ געשאַפן געוואָרן מיט דער הילף פון דער „פרייהייט". דאָס אַלץ דינט דעם ארבעטער־קלאַס.

די „מאָרגן־פרייהייט" ברענגט די ארבעטער נעענטער צום סאָוועטן־פאַרבאַנד

אין 1917 האָבן די ארבעטער פון רוסלאַנד פאַרכאַפּט די מאַכט, פאַרניכטעט די מלוכה פון די קאַפּיטאַליסטן און איינגעפירט זייער אייגענע פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור. פיר יאָר נאָכאַנאַנד האָבן זיי געקעמפט געגן די קאַפּיטאַליסטן און פריצים פון רוסלאַנד, וועלכע האָבן אָרגאַניזירט קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע ווייסע ארמייען מיטן

געלט און מיט דער הילף פון די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות. ווען די יונגע פּראָלעטאַרישע רעפּובליק האָט ענדלעך באַזיגט אָט־די שונאים מיט געווער אין האַנט, האָט זי זיך גענומען בויען. זעקס יאָר האָט געדויערט ביז מען האָט דערגרייכט דעם צושטאַנד פון פאַר־דער־מלחמה. ערשט דעמאָלט האָט מען זיך גענומען אַרבעטן לויטן פ י נ ף ־ י אָ ר ־ פּ ל אַ ן. איצט האָט מען שוין פאַרענדיגט דאָס דריטע יאָר פון דעם פינף־יאָר־פּלאַן, און עס איז קלאָר, אַז צום סוף פון דעם יאָר 1932 וועט שוין זיין פאַרענדיגט דער גאַנצער פינף־יאָר, ד. ה. ער וועט פאַרענדיגט ווערן אין 4 יאָר. אין משך פון אָט־דער צייט האָט די פּראָלעטאַרישע מלוכה כמעט אינגאַנצן אָפּגעשאַפט עקספּלואַטאַציע, כמעט אינגאַנצן אָפּגעשאַפט פּריוואַט־אייגנטום, כמעט אינגאַנצן אויסגעוואָרצלט די אַלטע אָרדנונג און פאַרבעסערט דאָס לעבן פון די מאַסן. מיט יעדן חודש וואַקסט די צאָל פאַבריקן, זאַוואָדן און קוילן־גרובן, מיט יעדן חודש ווערט פאַרגרעסערט די צאָל קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן אין דאָרף, וואָס דאָס הייסט, אַז עס פאַרשווינדט די פּריוואַטע אייגנטום און די לאַנד־ווירטשאַפט ווערט סאָציאַליסטיש. מיט יעדן חודש ווערן אויסגעבויט נייע הייזער פאַר די אַרבעטער און ס'ווערט געשאַפן מאַסן נייע פּראָדוקטן. מיט יעדן חודש ווערט דאָס לעבן פון די מאַסן בעסער — און מען זעט שוין באַשיינפּערלעך, ווי אַזוי עס קומט דער סאָציאַליזם, וואו יעדער איינער וועט זיין באַוואָרנט מיט אַ געזונטן, קולטורעלן און שעפערישן לעבן.

דאָס, פאַרשטייט זיך, איז נישט צום האַרצן די קאַפּיטאַליסטן. דאָס איז ווי אַ מעסער אין זייערע ריפּן. דאָס באַווייזט די מאַסן, אַז אָן די קאַפּיטאַליסטן קענען די אַרבעטער דערגרייכן דאָס גוטע לעבן. דעריבער האָבן די קאַפּיטאַליסטן פון דער גאַנצער וועלט די גאַנצע צייט באַקעמפט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. זיי האָבן געשיקט אַרמייען אין דער פּראָלעטאַרישער מלוכה אין די יאָרן 1918-1921; זיי האָבן געגעבן מיליאָנען די ווייסע גענעראַלן, כדי זיי זאָלן באַקעמפן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד; זיי האָבן געגעבן שטיצע און געלט די פאַרשווערער אין לאַנד גופא אין משך פון יאָרן, ווי דאָס האָבן באַוויזן די פּראָצעסן געגן די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, געגן דער אינדוסטריעלער פּאַרטיי און געגן די מענשעוויקעס; זיי פירן נאָכאַנאַנד אַ גיפטיגע און העסלעכע אַגיטאַציע געגן דער יונגער מלוכה.

אין דער אַגיטאַציע געגן סאָוועטן־פאַרבאַנד האָבן דער „טאָג“ און דער „פאָרווערטס“ פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט. אפילו אין די קאַפּיטאַליסטישע בלעטער האָט מען נישט געשריבן אַזוינע גיפטיגע ליגנס, אַזוינע העצערישע רכילות, אַזוינע שמוציגע פאַרלוימדונגען, אַזוינע ווילדע נישט־געשטויגענע, נישט־געפלויגענע מאַכע־

רייקעס, אַזױנע אידיאָטישע פּאַסקווילן, ווי מען האָט געשריבן אין דעם „פֿאָרווערטס“ און אין דעם „טאָג“. אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער גלח, בוטקעוויטש, וואָס די סאָוועטן־מאַכט האָט פֿאַר׳משפּט צום טויט, איז ביים „פֿאָרווערטס“ געוואָרן אַ הייליגער. די דאָרפֿישע קולאַקעס — עקספּלואַטאַטאָרס, וואָס האָבן דערמאָרדעט דאָרפֿישע אָרגאַניזאַטאָרס, ווען יענע האָבן געאַרבעט פֿאַר קאָלעקטיוויזאַציע, זיינען ביים „פֿאָרווערטס“ געוואָרן קעמפּער פֿאַר פֿרייהייט. די אידישע קאָמוניסטן, וואָס האָבן געקעמפּט געגן דער אידישער בורזשואַזיע און פֿאַר סאָוועטיזם, זיינען בא די באַלעבאַטישע בלעטער געוואָרן פֿאַנאַטישע אַנטיסעמיטן. די אַרבעטער, וואָס האָבן נישט געוואָלט דערלאָזן, אַז די פֿאַרשימלטע מלמדים זאָלן פֿאַראומרייניגן די מוחות פֿון אידישע קינדער מיט זייער מיאוס׳ער סחורה, זיינען אין די אידישע בלעטער געוואָרן שיר־ניט באַנדיטן און מערדער. די מלוכות, וואָס האָבן נאָכאַנאַנד געמאַכט קאָנספּיראַציעס געגן דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, זיינען געהויבט און געקרוינט געוואָרן ווי דעמאָקראַטישע אויסלייזער פֿון דער מענטשהייט.

די „מאָרגן־פֿרייהייט“ האָט געהאַלטן הויך די פֿאָן פֿון דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. די „מאָרגן־פֿרייהייט“ האָט יעדן טאָג געבראַכט צו אירע לעזער די ריכטיגע נייעס וועגן סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. די „מאָרגן־פֿרייהייט“ האָט אויסגעטייטשט די געשעענישן פֿון דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד אין גייסט פֿון דער רעוואָלוציע. די „מאָרגן־פֿרייהייט“ האָט נאָכאַנאַנד געשטרעבט צו ברייננגען דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד נעענטער צו די אַרבעטער־מאַסן. די „מאָרגן־פֿרייהייט“ האָט אין דעם פּרט דערגרייכט גוטע רעזולטאַטן. אַפּילו מענטשן, וואָס האָבן פֿריער געגלויבט די באַלעבאַטישע פּאַלוימדער, קירעווען זיך שוין אָפּ פֿון זיי מיט פֿאַראַכטונג. אַפּילו אָפּגעשטאַנענע אַרבעטער הויבן אָן פֿאַרשטיין, אַז דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד איז זייער פֿאָטערלאַנד. ווייל ניט דאָרט איז אונזער פֿאָטערלאַנד, וואו מען עקספּלואַטירט אונז, נאָר דאָרט, וואו מיר זיינען פֿריי צום בויען אונזער לעבן.

די „מאָרגן־פֿרייהייט“ וועקט די אַרבעטער צום קאַמף געגן מלחמה

די וועלט איז איינגעטיילט צווישן עטלעכע גרויסע קאַפּיטאַליסטישע מלוכות. יעדע איינע פֿון אָט־די וועלט־מאַכטן פֿאַרמאָגט נישט נאָר איר אייגענע לאַנד, נאָר אויך פֿרעמדע לענדער, אַשטייגער ווי ענגלאַנד, וואָס האָט פֿאַרכאַפּט קאָלאָניעס איבער דער גאַנצער וועלט, אָדער אַשטייגער די פֿאַראייניגטע שטאַטן, וואָס פֿאַרמאָגט די פֿיליפּינען, די האַוואַיי־אינזלען, פּאָרטאָ־ריקאָ, דעם פּאַנאַמאַ קאַנאַל און אַז. וו. יעדע מלוכה פֿאַרמאָגט ניט נאָר קאָלאָניעס, נאָר

אויך א י י נ פ ל ו ס ־ ס פ ע ר ן , אשטייגער ווי די פאראייניגטע שטאטן, וואס פארמאגט די איינפלוס־ספערן פון מעקסיקא און א גאנצע ריי שטאטן אין דרום אמעריקע, אדער אשטייגער ווי פראנק־רייך, ענגלאנד, אמעריקע און יאפאן אין כינע.

די וועלט איז איינגעטיילט צווישן עטלעכע גרויסע רויבערישע מלוכות, און יעדע איינע געפינט זיך אין א קריזיס. יעדע איינע ווערט דערוואָרגן מיט דער גרויסער מאסע פראָדוקטן, וואס מען דארף פארקויפן, כדי צו קריגן פראָפיטן, און וואס עס איז ניטא פאר זיי קיין מארק. יעדע איינע פון די גרויסע רויבערישע — אימפעריאליסטישע — מלוכות וויל דעריבער באקומען א גרעסערן שטיק פון דער וועלט, וויל ארויסרייסן א שטיק בא דער אנדערער מלוכה.

דאס איז די וועלט־פאָליטיק פון היינטיגער צייט. דאס איז דער קוואל פון אלע מלחמות. עס זיינען דא עטלעכע גרויסע מלוכות, וואס צווישן זיי מערקט זיך דער צוזאמענשטויס נאך שארפער ווי אומעטום. עס איז דא א צוזאמענשטויס צווישן די פאראייניגטע שטאטן און ענגלאנד: ענגלאנד איז אן אלטע מלוכה מיט א סך קאָלאָניעס, אמעריקע איז א יונגע מלוכה מיט ווייניג קאָלאָניעס; אמעריקע שטרעבט דעריבער ארויסשטויסן ענגלאנד פון אירע קאָלאָ־ניעס און נאך מער פון אירע איינפלוס־ספערן. יאפאן איז מיטאמאָל אויסגעוואקסן און געוואָרן א גרויסמאכט, עס איז איר אָבער ענג אויף אירע אינזלען און עס איז איר נויטיג צו קריגן וואס מער רוי־מאטעריאלן פאר אירע אינדוסטריען, דעריבער רייסט זי זיך צו פארכאפן וואס מער הערשאפט אָדער איינפלוס אין אזיע, דערהויפט אין כינע, אָבער דא קומט זי אין א צוזאמענשטויס מיט די פאר־אייניגטע שטאטן, וועלכע געפינען זיך אויף דער צווייטער זייט פאסיפיק און וועלכע האָבן א קאָלאָניע — פיליפינען — גאר ניט ווייט פון יאפאן און ווילן אליין אויך וואס טיפער אריינדרינגען אין אזיאטישן מארק.

אין אייראָפע איז דא אלערליי צוזאמענשטויסן, אָבער דער גרעס־טער איז דער צוזאמענשטויס צווישן ענגלאנד און צווישן דייטשלאנד און פראנקרייך. געווען א צייט, ווען ענגלאנד האָט געשפילט א גאר גרויסע ראָלע אין אייראָפע, און א ראָלע בא די קאפיטאליסטן הייסט א מעגלאכקייט צו קריגן וואס גרעסערע פראָפיטן. נאך דער מלחמה איז פראנקרייך שטארק געוואָרן און האָט אָנגעהויבן שפילן א גרעסערע ראָלע אין אייראָפע, דורך דעם וואס זי האָט זיך פאר־בונדן מיט די נייע מלוכות: פוילן, רומעניע און פינלאנד. ענגלאנד און פראנקרייך שטייען איצט פיינטלעך איינע געגן דער צווייטער. אין דער זעלביגער צייט קען דייטשלאנד ניט פארגעסן, אז פראנקרייך האָט באקומען דעם גרעסטן חלק פון אירע רעפעראציע־צאָלונגען

(וואס מען האט זיי ארויסגעפרעסט פון די דייטשישע מאסן), און פראנקרייך קען נית פארגעסן, אז דייטשלאנד קוקט אויף איר מיט פיינטלעכע אויגן. אט־די צוויי מלוכות זיינען אלעמאל גרייט צו נעמען זיך רייסן, עס שטערט נאר דאס, וואס לויט דעם ווערסאלער אפמאך האט דייטשלאנד אנגעווארן א גרויסן טייל פון איר ארמיי.

די גאנצע וועלט איז איינגעטיילט אין פיינטלעכע לאגערן. אבער די גרעסטע פיינטשאפט פון אלע קאפיטאליסטישע מלוכות איז געווענדעט געגן דעם סאוועטן־פארבאנד. מיר האבן שוין דערמאנט, אז דער סאוועטן־פארבאנד איז זיי ווי א מעסער אין זייט. די קאפיטאליסטישע וועלט גייט בארג־אראפ, די סאוועטישע וועלט גייט בארג־ארויף. די סאוועטישע וועלט וואקסט אויך אין אנדערע מלוכות. אזוי עקזיסטירן שוין א לאנגע צייט כינעזישע סאוועטן, וועלכע נעמען ארום עטלעכע צענדליג מיליאן ארימע פויערים און ארבעטער. די קאפיטאליסטישע הערשער האבן בא זיך דעריבער אפגעמאכט צו ברעכן דעם סאוועטן־פארבאנד. אזוי ווי זיי האבן מורא פאר זייערע ארבעטער צו שיקן אן ארמיי דירעקט געגן דער ארבעטער־מלוכה, דעריבער ווענדן זיי אן אלערליי קונץ־שטיק אף ארייננצוציען די סאוועטן אין קריג. די גאנצע צייט ווערט געפירט א קריגס־קאנספיראציע געגן די סאוועטן. אזוי האט מען צוריק מיט דריטהאלבן יאר ארייננגעשיקט א מאנדזשורישן גענעראל צו מאכן אן אנפאל אף דער מזרח־כינעזישער אייזנבאן, וועלכע געהערט טיילווייז דעם סאוועטן־פארבאנד. ווען מען האט געזען, אז דער סאוועטן־פארבאנד האט גיך ליקווידירט אט־די אוואנטיורע, האט מען איצט ארייננגעשיקט א שטארקערן געגנער — יאפאן. מען איז אפילו מסכים געווען אפצוגעבן מאנדזשוריע אין יאפאנעזישע הענט, אבי עס זאל זיין אפן סיבירישן גרעניץ א שטארקע מאכט, וואס זאל קענען דער־לאנגען א קלאפ דעם סאוועטן־פארבאנד.

די וועלט איז פול מיט פולווער, און וואס דארף זיין די פליכט פון יעדן ארבעטער־פריינט, וואס וויל באמת פארהיטן די ארבעטער פון דערמארדעט צו ווערן אין א קאפיטאליסטישער מלחמה? מען דארף ווארענען די ארבעטער, מען דארף זיי פאראייניקן געגן די אימפעריאליסטן, מען דארף זיי מאביליזירן צום קאמף, כאטשבי דערווייל צום שארפן מאסן־פראטעסט געגן די קריגס־מאכינאציעס.

וואס טוט די באלעבאטישע פרעסע? זי פארשלעפערט די אר־בעטער. זי דערציילט זיי א באבע־מעשה, אז קיין מלחמה־געפאר איז ניטא. זי פארשפרייט א טומאן פון ווערטער, וואס באהאלטן דעם אמת. זי לויבט אשטייגער אפילו הואווער׳ן אלס א רודף־שלום. זי זינגט א לידעלע וועגן דער פעלקער־ליג, אז זי וועט שוין

באַוואָרענען פרידן — און די פעלקער־ליג איז דאָך ניט מער ווי אַ פאַרזאַמלונג פון קאַפּיטאַליסטישע דיפּלאָמאַטן, וואָס ווילן אויסנאַרן איינער דעם צווייטן און דערביי פאַרנאַרן די מאַסן, אַז זיי זאָלן ניט זען די אמת׳ע לאַגע.

די אמת׳ע לאַגע קען מען זען פון די באַוואָפענונגען. פון יאָר צו יאָר וואַקסן די אַרמייען פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. פון יאָר צו יאָר וואַקסן די פלאָטן. עראָפּלאַנען, סובמאַרינען, גיפטיגע גאַזן, קראַנקהייט־באַצילן — דאָס אַלץ ווערט פאַרגרייט אין ריזיגע מאָסן. דאָס אַלץ ווערט פּראָדוצירט ניט פאַר שלום, נאָר פאַר מלחמה. די אידישע באַלעבאַטישע צייטונגען באַהאַלטן אָט־דעם אמת. זיי פאַרראַטן דערמיט די אַרבעטער־מאַסן. זי ווילן איינריידן, אַז טאָמער זאָגט מען „שלום, שלום“, וועט שוין זיין שלום. די „מאָרגן־פרייהייט“ אַנטפּלעקט די אמת׳ע לאַגע. די „מאָרגן־פרייהייט“ ווייזט אָן אַף די מלחמות, וואָס קומען פאַר אַפילו איצט. די „מאָרגן־פרייהייט“ זאָגט די אַרבעטער: „זעט וואָס עס טוט זיך אין כינע: זעט ווי אַזוי יאַפּאַן וואַרפט פון דער לופטן באָמבעס אַף פרידלעכע איינוואוינער, אַף אומבאַפעסטיגטע שטעט. איז דאָס ניט מלחמה? זעט, ווי די פעלקער־ליג האָט געגעבן איר הסכמה אַף אָט־דער מערדעריי. איז דאָס ניט אַ באַווייז, אַז די פעלקער־ליג טראַכט ניט פון שלום? זעט, ווי יאַפּאַן רוקט זיך אַלץ נעענטער צום סאָוועטן־פאַרבאַנד — מיט דער צושטימונג פון די גרויסע אימפּעריאַליסטישע רויבער. איז דאָס ניט אַ באַווייז, אַז מען גרייט אַ מלחמה געגן סאָוועטן־פאַרבאַנד?“

די „מאָרגן־פרייהייט“ איז די איינציגע אידישע צייטונג, וואָס האָט אָנגעוויזן אַף דער אמת׳ער געשטאַלט פון די מאַקדאָנאַלדס און הענדערסאָנס, וואַנדערוועלעס און טאָמאַסעס. ווען מאַקדאָנאַלד איז געוואָרן פּרעמיער־מיניסטער, האָבן זיך אַלע צייטונגען צעגאָסן מיט געזאַנגען, אַז איצט וועט שוין ווערן שלום אַף דער וועלט, ווייל מאַקדאָנאַלד איז אַ מענטש פון שלום. האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז גראָד מאַקדאָנאַלד האָט געפירט אַ מלחמה געגן די אינדישע מאַסן. וואָס קעמפן פאַר פרייהייט. — געפירט פונקט אַזאַ בלוטיגע מלחמה, ווי אַלע אַנדערע קאַפּיטאַליסטן. איצט קען שוין אַ בלינדער זען, אַז מאַקדאָנאַלד, ווי אַלע אַזוינע פּאָליטישענס, וואָס פאַרדעקן זיך מיטן נאָמען סאָציאַליסט, זיינען אין דער אמת׳ן דינער פון קאַפּיטאַליזם.

דאָס האָט די „מאָרגן־פרייהייט“ געזאָגט נאָך דעם זעלביגן טאָג, ווען מאַקדאָנאַלד איז געוואָרן פּרעמיער. דאָס זאָגט זי נאָכאַנאַנד, ווען די פאַרשיידענע כלומרשט־סאָציאַליסטישע פאַרטעטער באַגייען פאַרברעכנס געגן דעם אַרבעטער־קלאַס. **נאָר איז דער „מאָרגן־פרייהייט“ קען דער אידישער אַרבעטער געפינען די ריכטיגע שטעלונג**

צום קריג און דעם ריכטיגן אנוויז, ווי צו באקעמפן די קריגס־געפאר.

די „מארגן־פרייהייט“ איז א קאמוניסטישע צייטונג

די „מארגן־פרייהייט“ פירט דורך אט־די ליניע צוליב דעם, וואס זי איז א קאמוניסטישע צייטונג. איר פארטיי איז די קאמוניסטישע פארטיי, וועלכע איז אנגעשלאסן אין דעם קאמוניסטישן אינטערנאציאנאל. די „מארגן־פרייהייט“ פירט דורך די ליניע פון דער קאמוניסטישער פארטיי.

די אנדערע צייטונגען פארטרעטן די דריי בורזשואזע פארטייען. פאראן אויף דער אידישער גאס א צייטונג „מארגן־זשורנאל“, וואס פארטרעט די רעפובליקאנישע פארטיי; דער „טאג“ איז א טעמעני־דעמאקראט, דער „פארווערטס“ איז אן „עס־פי“־סאציאליסט. און מערקווירדיק — אלע ריידן זיי וועגן „ארבעטער־ברודער“, אלע פארשטעלן זיך פאר גאר גרויסע ארבעטער־פארטרעטער. אפילו דער יאר־מעלקעדיגער „מארגן־זשורנאל“ איז אויך כלומרשט אן ארבעטער־פייפער!

וואס באווייזט אט־דער פאקט? די רעפובליקאנישע פארטיי איז הואווער׳ס פארטיי — די פארטיי פון גרויס־קאפיטאל, וואס הונגערט אויס די ארבעטער אין צייט פון קריזיס. ווי קען א רעפובליקאנישע צייטונג זיין א פריינט פון די ארבעטער, אויב זי איז א דינער פון זייערע הענקער? די דעמאקראטישע פארטיי — מעיאר וואקער׳ס פארטיי — איז די פארטיי פון דזשענעראל מאטארס, די פארטיי פון גרויס־קאפיטאל, וועלכע איז אויף האר ניט אנדערש, ווי די רעפובליקאנישע פארטיי. דער טעמעני־מאן דזשימי וואקער איז דאס דער קאפיטאליסטישער משרת, וואס צעטרייבט ארבעטער־דעמאנסטראציעס און וואס האט געהייסן זיינע פאליסלייט שלאגן דעם ארבעטער נעסין, ווען יענער איז געקומען מיט אן ארבעטער־דעלעגאציע פאדערן הילף פאר די ארבעטלאזע. דאס האט וואקער׳ס פאליציי געשאסן און דערמארדעט דעם ארבעטער סטיוו קאטאוועס אויף דער פיקעט־ליין אין צייט פון א סטרייק. דאס איז די זעלביקע טעמעני־אדמיניסטראציע, וואס גנב׳עט הונדערטער מיליאנען בא די מאסן פון דער שטאט־קאסע, וועלכע האט אבער נישט קיין געלט, נעבעך, אויף איינצופירן ארבעטער־פארזיכערונג פאר די וואס האבן ניט קיין דזשאבס. וואקער׳ס פארטיי, ווייל׳ס פארטיי, ראסקאב׳ס פארטיי קאן ניט זיין קיין פריינט פון די ארבעטער. דער „טאג“ איז א באצאלטער אגענט פון אט־דער פארטיי. מען צאלט אים מיט אדווערטייזמענטס אין דער צייט פון קאמפיינס און מיט טובות פאר זיינע מענטשן. דער „טאג“ פארשטעלט זיך פאר אן ארבעטער־פריינט. ווי קאן מען זיין אן ארבעטער־פריינט, ווען מען דינט דער דעמאקראטישער פארטיי?

דער „פֿאַרווערטס“ זאָגט, אַז ער איז אַ סאָציאַליסט, ד. ה. ער פֿאַרטרעט די „עס־פּי“. דער „פֿאַרווערטס“ זאָגט דאָך שוין אודאי, אַז ער איז אַן אַרבעטער־צייטונג. אָבער אָט האָט מעיאָר וואָקער צעטריבן אַן אַרבעטער־דעמאָנסטראַציע. וואָס זאָגט דער „פֿאַרווערטס“ ? ער זאָגט, אַז דאָס איז ניט געווען קיין אַרבעטער־דעמאָנסטראַציע, נאָר עטלעכע „קאָמוניסטישע גענגסטערס“, ד. ה. דער „פֿאַרווערטס“ שטעלט זיך אַפֿן צד פֿון דער טעמעני־פּאָליציי. אָט האָבן די דרעסמאַכער דערקלערט אַ סטרייק. עטלעכע טויזנט האָבן פֿאַרלאָזן די שעפּער. די באַלעבאַטים טויג זיך צו דערציילן, אַז קיין סטרייק איז ניטאָ. די באַלעבאַטים ווילן דערמיט אַריינטראָגן צעמישעניש צווישן די דרעסמאַכער. וואָס שרייבט דער „פֿאַרווערטס“ ? ער שרייבט אויך, אַז קיין סטרייק איז ניטאָ. ער דינט דערמיט די באַלעבאַטים. אָט האָט די פּאָליציי זיך אַריינגעריסן אַף דער פּיקעט־ליין און גענומען שלאָגן אַף רעכטס און אַף לינקס. וואָס זאָגן די קאַפּיטאַליסטן ? זיי זאָגן, אַז דאָס האָבן די קאָמוניסטן געמאַכט אַן אָנפֿאַל אַף פֿרידלעכע אַרבעטער. וואָס זאָגט דער „פֿאַרווערטס“ ? ער זאָגט, אַז קאָמוניסטן האָבן געשלאָגן אומשולדיגע מענטשן. דער „פֿאַרווערטס“ זאָגט דאָס, וואָס איז גוט פֿאַר די קאַפּיטאַליסטן. און אָט האָט איינער מיטן נאָמען שלעזינגער, אַ געלער יוניאָן־ביוראָקראַט, גערופֿן דזשימי וואָקער, אַז ער זאָל זיך אַריינלייגן אין שלום צווישן די דרעסמאַכער און די דרעס־מאַנופֿעקטשורערס. ווי קען דזשימי וואָקער, דער שיקאינגל פֿון מיליאָנערן, באַשליסן דעם גורל פֿון אַרבעטער ? ווי קען מען זיך פֿאַרלאָזן אַף דעם קאָרופּטן קאַפּיטאַליסטישן פּאָליטישן, אַז ער זאָל פֿאַרזאָרגן אַ בעסער לעבן פֿאַר די דרעסמאַכער ? דער „פֿאַרווערטס“ לאָזט זיך אָבער אוועק לויבן די „קאָנפֿערענץ“ ווי אַ גרויסן זיג פֿון די דרעסמאַכער. וועמען דינט דערמיט דער „פֿאַרווערטס“ ? ער דינט די קאַפּיטאַליסטן.

יאָ, אָבער ער רופֿט זיך דאָך פֿאַרט „סאָציאַליסטישער פּייפּער“ ? *דער נאָמען נוצט אים נאָר פֿאַר אַ מאַסקע צו פֿאַרנאַרן די אַרבעטער.* הלמאי די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי רופֿט זיך דעמאָקראַטיש, כאָטש זי האָט ניט קיין שפּור פֿון דעמאָקראַטיזם ; הלמאי די ביוראָקראַטן פֿון דער א. פֿ. אָוו ל. רופֿן זיך „לייבאָר לידערס“, כאָטש זייער גאַנצע אַרבעט באַשטייט אין אָפּהאַלטן די אַרבעטער פֿון קאַמף געגן די באַלעבאַטים. פּאַרטייען און צייטונגען דאַרף מען באַטראַכטן ניט לויט די נעמען, וואָס זיי רופֿן זיך, נאָר לויט זייערע מעשים. און די מעשים פֿון דעם „פֿאַרווערטס“ זיינען די מעשים פֿון אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וואָס זיינען אָנגעשלאָסן אָן צווייטן אינטערנאַציאָנאַל.

וואָס טוען אָט־די פּאַרטייען ? זיי פֿאַרשטעלן זיך פֿאַר סאָציאַליסטישע, כדי אָפּצוהאַלטן די אַרבעטער פֿון קאַמף. זיי נעמען אָן

שטעלעם אין די קאפיטאליסטישע רעגירונגען, כדי צו דערהאלטן ביים לעבן דעם קאפיטאליזם געגן דעם אנפאל פון די ארבעטער־מאסן. אין דייטשלאנד שטיצן די סאציאליסטן די ערגסטע אויסנאמס־געזעצן געגן די ארבעטער. אין פראנקרייך שטיצן די סאציאליסטן די גרעסטע באוואפנונגס־פראגראם. אין ענגלאנד שטיצן די סאציאליסטן דעם קאמף געגן די קאלאניאלע שקלאפן, וואס קעמפן פאר פרייהייט. אין אמעריקע שטיצן די סאציאליסטן די פאליציי און די יוניאן־ביוראקראטן, וואס מאכן אטאקעס אף די קעמפנדיקע ארבעטער. אין ניו־יארק האט א סאציאליסטישער לאיער פארטראטן די באלעבאטים, וואס האבן גערופן די פאליציי צו דערשיסן סטיוו קאטאוועס. אומעטום ארבעטן די סאציאליסטן געגן די רעוואלוציאנערע ארבעטער און פאר די קאפיטאליסטן. אומעטום ברעכן זיי סטרייקס פון אומצופרידענע ארבעטער. אומעטום העלפן זיי דעם קאפיטאליזם זיך צו באוואפענען. אומעטום העלפן זיי אונטערדריקן די אויפשטאנדן פון די קאלאניאלע מאסן. דאס אלץ טוען זיי האנט אין האנט מיט די געלע יוניאן־ביוראקראטן און אונטער דער מאסקע פון סאציאליזם. אויב איר ווילט וויסן דעם אמת וועגן דעם סאציאליזם פון דעם „פארווערטס", טוט א קוק, מיט וועמען ער זיצט בא איין טיש. מעטיו וואל איז דער ערגסטער רעאקציאנער אין אמעריקע. מעטיו וואל איז א בייזער הונט פון קאפיטאליזם. היינט זיצט מעטיו וואל באם אמעריקאנער לידזשאן אדער מאכט א באזוך אין וועסט פאינט, וואו די קאדעטן סאלוטירן אים און די גענעראלן גרויסן זיך מיט אים ווי מיט אן אייגענעם מענטשן. מארגן זיצט ער בא איין טיש מיט די „פארווערטס"־מענטשן און מען פלאנעוועט ווי צו ברעכן אן ארבעטער־סטרייק. דער „פארווערטס"־סאציאליזם איז א רויד־וואלקן צו פארדעקן דעם העסלעכן פרצוף פון די אפגעפרעסענע סאציאליסטישע פאליטישענס. ניט אומזיסט איז הילקוויט, דער טעארעטיקער פון דער סאציאליסטישער פארטיי, א מיליאנערסקער לאיער פון קארפארײשאנס און אן אייגנטימער פון א קוילן־קאמפאניע. ניט אומזיסט איז נארמאן טאמאס, דער פירער פון דער סאציאליסטישער פארטיי, א געוועזענער גלח. ניט אומזיסט איז די פארטיי פארבונדן מיט אלערליי בורזשואזע ליבעראלן, וואס ווילן אפילו ניט וויסן פון סאציאליזם.

דער „פארווערטס" וויל אויך ניט וויסן פון סאציאליזם. ער דארף דאס ווארט כדי צו פארשטעלן זיין טאט. אבער טוט א קוק, ווער לייענט דעם „פארווערטס"? עס לייענען אים שול־אידן; עס לייענען אים קרעמער; עס לייענען אים פאבריקאנטן; עס לייענען אים ריעל־עסטייט־ספעקוליאנטן. ווען ער וואלט געווען סאציאליסטיש אף אן אמת, וואלט ער ניט געקענט זיין די צייטונג פון גרויסע און קליינע באלעבאטים.

די „מאָרגן־פרייהייט“ איז די איינציקע אַרבעטער־צייטונג. זי איז געשאַפן פון אַרבעטער פאַר אַרבעטער. זי איז קאָמוניסטיש. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז די איינציקע פּאַרטיי, וואָס גלייבט טאַקע אין סאָציאַליזם, וואָס אַרבעט צו פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם אויך דאָ, אין די פאַראייניגטע שטאַטן. דער „פאָרווערטס“, וואָס רופט זיך סאָציאַליסטיש, איז אַ ביטערער שונא פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואו עס בויט זיך סאָציאַליזם. דאָס אַליין איז אַ סימן, אַז ער איז אַ פיינט פון סאָציאַליזם. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי שטיצט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, טאַקע ווייל אין אים ווערט געבויט סאָציאַליזם. דאָס איז אַ סימן, אַז סאָציאַליזם דאַרף מען זוכן נאָר אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז די איינציגע פּאַרטיי פון דעם אַרבעטער־קלאַס. זי אַרבעט האַנט אין האַנט מיט אַלע אָרגאַניזאַציעס פון דעם אַרבעטער־קלאַס, וואָס קעמפן פאַר זיינע אינטערעסן. זי העלפט בויען אַזוינע אָרגאַניזאַציעס. זי האָט געהאָלפן בויען קלובן, שולן, געזאַנגס־פאַראיינען און דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן. זי האָט זיך באַטייליגט אין אַלע סטרייקס. זי האָט געהאָלפן בויען די לינקע יוניאָנס און אָרגאַניזירן דעם לינקן פליגל אין די אָפּגעשטאַנענע אַלטע יוניאָנס. זי האָט אָנגעמערקט די ליניע פאַר דער גאַנצער פּאָליטישער אַרבעט און איז געגאַנגען אין דעם שפּיץ פון אַלע קאַמפן. אָן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי וואָלט די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־באַוועגונג ניט געווען אַזוי שטאַרק און אַזוי אויסגעהאַלטן, ווי זי איז אונטער דער פירערשאַפט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. *די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז די פאָרטרעטערין פון דעם אַרבעטער־קלאַס אַלס קלאַס און די אָרגאַניזאַטאָרין און פירערין פון אַלע זיינע קאַמפן, גרויס צי קליין, היינט צי שפּעטער.* די קאָמוניסטישע פּאַרטיי וועט זיין די פּאַרטיי, וואָס וועט אין דער צייט פון רעוואָלוציע פאַרכאַפּן די מאַכט אין דער מלוכה און איינפירן אַרבעטער־הערשאַפט, פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור.

אַדאַנק דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט די „מאָרגן־פרייהייט“ פאַרריכט אַ סך פון אירע טעות׳ן און געפונען דעם ריכטיגן וועג.

די „מאָרגן־פרייהייט“ קעמפט אַף רעכטס און אַף לינקס

אין די 10 יאָר פון איר לעבן האָט די „מאָרגן־פרייהייט“ דורכגעמאַכט פאַרשיידענע צייטן. געווען אַ צייט, ווען זי איז ניט געווען אינגאַנצן קאָמוניסטיש. די ערשטע דריי־פיר יאָר פון איר עקזיסטענץ האָט מען זי געקענט אָנרופן אַ צייטונג וואָס סימפּאַטיזירט מיטן

קאָמוניזם. זי איז אָבער ניט געווען אויסגעהאַלטן. שפּעטער, אונטער דעם איינפלוס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, נעמט זי אויסגלייכן איר ליניע, אָבער דאָס גייט ניט שנעל. אַ לאַנגע צייט האָט זי געאַרבעט האַנט אין האַנט מיט אַ גרופּע באַלעבאַטישע שרייבער־נאַציאָנאַליסטן, וואָס האָבן זיך פאַרשטעלט פאַר אַרבעטער־פריינט און האָבן געוואָלט אויסנוצן די צייטונג פאַר באַלעבאַטישער פּראָפּאַגאַנדע. ערשט אין יאָר 1929, אין דער צייט פון דעם אויפשטאַנד אין פּאַלעסטינע, האָבן אָט־די פאַררעטער זיך באַוויזן אין זייער אמת'ער געשטאַלט. ווי נאָר זיי האָבן דערפילט, אַז די באַלעבאַטישע וועלט איז אין גרימצאָרן געגן דער „מאָרגן־פרייהייט" פאַר איר ריכטיקער שטעלונג צום אויפשטאַנד, האָבן אָט־די שרייבער באַשלאָסן צו ברעכן די „מאָרגן־פרייהייט". זיי זיינען אַרויסגעטראָטן פון איר, גלייבנדיק, אַז דערמיט וועלן זיי דערלאַנגען דער צייטונג און דער באַוועגונג אַ טויט־קלאַפּ. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז די אַרבעטער זיינען געווען צופרידן פון זייער אַוועקגיין, ווייל דערמיט איז די צייטונג באַפרייט געוואָרן פון אומגעוווינטשטע, פאַרמאַסקירטע שונאים. פון דעמאָלט אָן האָט די „מאָרגן־פרייהייט" נאָך מער גענומען קעמפן פאַר פּראָלעטאַרישער קולטור און אויסבילדן דעם פּראָלעטאַרישן קולטורעלן פראָנט.

דער „מאָרגן־פרייהייט" איז אויסגעקומען צו קעמפן סיי געגן די טראָצקיסטן, סיי געגן די לאָווסטאָניסטן, וואָס האָבן זיך אַפילו פאַרשטעלט פאַר קאָמוניסטן, כדי אונטער אָט־דער מאַסקע צו פאַרשפּרייטן קאַפּיטאַליסטישן איינפלוס. די טראָצקיסטן האָבן כלומר'שט גע'טענה'ט, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון אַמעריקע זיינען ניט גענוג רעוואָלוציאָנער — אָבער אָט־די טענה האָבן זיי נאָר אויסגענוצט, כדי צו קעמפן געגן דער פּאַרטיי און דערמיט העלפן די קאַפּיטאַליסטן. די לאָווסטאָניסטן האָבן גע'טענה'ט, אַז די פּאַרטיי איז צו רעוואָלוציאָנער, צו לינק — און די דאָזיגע טענה האָבן זיי אויך אויסגענוצט צו פּרוּוון ברעכן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. ביידע סאָרטן פאַררעטער, סיי די טראָצקיסטן, סיי די לאָווסטאָניסטן, זיינען אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אָבער שפּורן פון זייער איינפלוס קען מען געפינען צווישן די פּאַרטיי־מיטגלידער און אָפטמאָל גנב'ענען זיי זיך אַריין אין דער „מאָרגן־פרייהייט". אַשטייגער, עמיצער קען אַרויסקומען מיט אַ טענה, פאַרוואָס מען דאַרף האָבן פּראָלעטאַרישע קינדער־שולן אויף אידיש. די טענה קלינגט כלומר'שט רעוואָלוציאָנער, כלומר'שט ווערט זי אַרויסגעשטעלט אין נאָמען פון אינטערנאַציאָנאַליזם און געגן נאַציאָנאַליזם. דער אמת איז, אַז אויב די „מאָרגן־פרייהייט" וואָלט זיך אָפּגעזאָגט פון העלפן אָרגאַניזירן קינדער־שולן,

וואלטן טויזנטער קינדער, וואס לערנען זיך איצט אין אונזערע שולן, אריינגעפאלן אין די הענט פון באלעבאטישע „דערציער". און דאס וואלט געווען א פארלוסט פארן ארבעטער־קלאס. פון דער אנדערער זייט קען מען אמאל הערן טענות, אשטייגער אז מיר דארפן האבן אכטונג פאר פרעמדע טאלאנטן, כאטש זיי געהערן נישט צום ארבעטער־קלאס. די טענה ווערט ארויסגעשטעלט אין נאמען פון „קולטור בכלל". דער אמת איז, אז וואס טאלאנטפולער א שונא, אלץ גרעסער זיין איינפלוס און אלץ שעדלעכער איז ער פארן ארבעטער־קלאס.

די „מארגן־פרייהייט" באקעמפט אזוינע און אנדערע באלעבאטיש־באאיינפלוסטע אידייען. אונטער דער פירערשאפט פון דער קאמוניסטישער פארטיי, האנט אין האנט מיט די ברייטע ארבעטער־מאסן, פארכאפט אין אלע קאמפן, אריינגעטאן אין אלע פראבלעמען פון דעם ארבעטער־קלאס, פארבונדן מיט אלע קאמוניסטישע צייטונגען, סיי דא אין לאנד, סיי אין אנדערע לענדער, באזעלט מיטן גייסט פון קאמוניזם און באגייסטערט מיט דעם בוי פון סאציאליזם אין סאוועטן־פארבאנד, גייט די „מארגן־פרייהייט" פאראויס. אין איר 10־יאריקן יובילייִ טרעט זי אריין א בעסערע קאמף־צייטונג, ווי ווען ניט איז פריער.

די „מארגן־פרייהייט" איז אן ארבעטער־צייטונג

די „מארגן־פרייהייט" איז אן ארבעטער־צייטונג אין דרייפאכן זין פון דעם ווארט. זי איז אן ארבעטער־צייטונג — ווייל זי ווערט געשריבן פאר ארבעטער און פארטיידיקט די ארבעטער־אינטערעסן. זי איז אן ארבעטער־צייטונג, ווייל זי ווערט אין א גרויסער מאס געשריבן פון די ארבעטער גופא, וועלכע שיקן אריין זייערע ארטיקלען, קארעספאנדענצן און אנדערע ווערק. זי איז אן ארבעטער־צייטונג, ווייל זי ווערט אויפגעהאלטן פון די ארבעטער־מאסן.

די „מארגן־פרייהייט" האט ניט קיין פאנדן. זי האט ניט קיין רייכע „בעקערס". זי האט ניט קיין אדווערטייזערס, וואס זאלן איר צאלן מיליאנען, ווי מען טוט דאס מיט דער באלעבאטישער פרעסע. פאראן א סך אדווערטייזמענטס, וואס זי וויל גארניט דרוקן, ווייל זיי קענען פארפירן די ארבעטער. די „מארגן־פרייהייט" ליידט שטענדיג פון א געלט־מאנגל. אויב זי האט אבער דורכגעלעבט די אלע 10 יאר און קלייבט זיך לעבן ווייטער אויך — איז דאס נאר דערפאר, וואס *זי קריגט די ברייטע שטיצע פון ברייטע ארבעטער־קרייזן.*

אלעמאל, ווען עס ווערט דער „מארגן־פרייהייט" ענג, לאזט זי ארויס א רוף, — און געלט קומט. טויזנטער און טויזנטער ארבעטער אין די שעפער מאכן זאמלונגען, שיקן אריין באדייטנדיגע סומען. טויזנטער און טויזנטער איילן זיך אונטער פערזענלעך און שיקן

ארייִן אָדער ברענגען דער „מאָרגן־פרייהייט" זייערע דאָלאַרן. יעדע ארבעטער־אָרגאַניזאַציע נעמט אויף די פראַגע וועגן הילף פאַר דער „מאָרגן־פרייהייט". יעדע פאַרזאַמלונג פון פּראָלעטאַריער מאַכט אַ קאַמפּיין פאַר דער „מאָרגן־פרייהייט". ארבעטער מאַכן ספּעציעלע אונטערנעמונגען פון זייערע אָרגאַניזאַציעס, סיי אין זייערע היימען — און שאַפן הילף פאַר זייער צייטונג. עטלעכע וואָכן קאָכט עס און רוישט צווישן די קלאַסנבאַוואוסטזיניגע ארבעטער מיטן „מאָרגן־פרייהייט"־קאַמפּיין. און די צייטונג ווערט געראַטעוועט. די צייטונג לעבט.

דאָס וואָלט ניט געקענט באַווייזן קיין איינציגע באַלעבאַטישע צייטונג.

די „מאָרגן־פרייהייט" האָט געהאַט אַ סך אויסצושטיין. אָבער זי לעבט און וועט לעבן. עס איז דאָ אַ פרייד אין דעם האַרץ פון די בויער און טוער פון דער „מאָרגן־פרייהייט". ווען די צייטונג האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין, איז דער קאַפּיטאַליזם געגאַנגען באַרג־אַרויף. היינט איז ער צעפוילט און אונטערגעגראָבן און צאַפּלט זיך אין געהאַקטע וואונדן. ווען די צייטונג האָט אָנגעהויבן אַרויס־גיין, איז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד געווען האַלב־חרוב נאָך פיר יאָר אימפּעריאַליסטישע מלחמה און פיר יאָר בירגער־קריג. היינט בליט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווערט שטאַרקער פון טאָג צו טאָג און האָט שוין פאַרענדיגט דעם פונדאַמענט פון סאָציאַליזם. ווען די צייטונג האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין, האָט זי נאָך ניט געוואוסט, וואָס פאַר אַן אָפּקלאַנג זי וועט געפינען אין די אַרבעטער־רייען. היינט שטייט זי אַרומגערינגלט ווי מיט אַן אייזערנער וואַנט מיט באַטאַליאָנען פריינט און בויער.

דער יוביליי פון דער „מאָרגן־פרייהייט" איז אַ יום־טוב ניט נאָר פאַר די לעזער פון דער „מאָרגן־פרייהייט", נאָר אויך פאַרן גאַנצן ארבעטער־קלאַס.

צום יוביליי פון דער „מאָרגן־פרייהייט" דאַרף יעדער אידישער ארבעטער ווערן אַ בויער און טוער פון דער צייטונג.

צום יוביליי פון דער „מאָרגן־פרייהייט" דאַרף יעדער אַרבעטער אָוועקוואַרפן מיט עקל די באַלעבאַטישע גיפטיגע פרעסע און אָנהויבן לייענען די „מאָרגן־פרייהייט".